STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06089

GEBLIBN ALEYN

Minnie Bordo Rivkin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מינאַ באָרדאָ־ריווקין

✶

געבליבן אַליין

מינאַ באָרדאָ־ריווקין

מינאַ באָרדאָ־ריווקין

געבליבן אַליין

ליד און פראָזע

פאַרלאַג „המנורה״ תל־אביב
תשכ״ט — 1969

Minna Bordo-Rivkin
GEBLIBN ALEIN

מינא באָרדאָ־ריווקין / געבליבן אַליין

פאַרלאַג „המנורה״, רח׳ זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"Hamenora" Publishing House, 24, Zangwill St., Tel-Aviv, Israel

©
Copyright by
Minna Bordo-Rivkin
1963 Ryer Ave., Bronx, N.Y. 10457

Printed in Israel 1969 — נדפס בישראל תשכ״ט

דפוס לינר־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, תל־אביב

ביאגראפישע און כאראקטער־
שטריכן וועגן ב. ריווקין

צו ב. ריווקינס זעכצנטן יאָרצייט, דעם 10 יוני 1961

אַ פּאָר ביאָגראַפישע און כאַראַקטעריסטישע שטריכן וועגן ב. ריווקין

א

אָנגעהויבן האָט ריווקין ז״ל זיין משיח־פּראָפּאַגאַנדע — דירעקטע און אומדירעקטע — אין 1907 אין רוסיש, און זינט 1911 — אין ייִדיש. זיין ערשטער ייִדישער אַרטיקל „גאָטמענטשטום״, אין לאַנדאָנער „אַרבעטער־פריינד״ אין 1911. אָנגעשריבן אין רוסיש אַ בראָשור, וועלכע איז געוואָרן אַ ווענדונג צו דער ייִדישער אינטעליגענץ. געדרוקט געוואָרן אין קיִעוו.

זינט 1912 אין אַמעריקע, אין ייִדיש הויפּטזאַכלעך באַקאַנט און אָנערקענט ווי אַ פירנדיקער קריטיקער. די משיחישע אינטערפּרעטאַציע פון דער ייִדישער ליטעראַטור איז געווען זיין הויפּט־אַרבעט און אים איז געלונגען אַרויסצורופן אַ משיחיסטישע שטרעמונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור. מען זאָגט אויף אים, אַז ער האָט באַשאַפן ה. לייוויקן, דעם מחבר פון אַ ריי משיח־דראַמען, ווי „דער גולם״, די „גאולה־קאָמעדיע״ און אַנדערע.

וואָס האָט ריווקין פאַרלאַנגט פון דער ייִדישער ליטעראַטור מיט זיין משיחיסטישער אידייע? משיחיזם האָט ריווקין אָנגעהאָנגען אויף אויס־דערוויילטע שרייבער, ווייל ער האָט געהאָפט, אַז זיי וועלן זיין די, וואָס וועלן אויפנעמען זיין אידייע און זי אַריינאַרבעטן אין זייערע ווערק, אַזוי אַז זייערע שאַפונגען זאָלן זיין אין שטאַנד אָפּצוענטפערן דער ניט־ייִדישער וועלט. מיט אַנדערע ווערטער געזאָגט, ריווקין האָט געפאָדערט, אַז אַ ייִדישער וואָרט־קינסטלער זאָל צוגיין צו זיין שעפערישן ווערק מיט גרויס אַחריות, און די ייִדישע ליטעראַטור־שאַפונג זאָל קענען האָבן די זעלביקע ווירקונג, וואָס רעליגיע האָט געהאַט.

און אַט וואָס ריווקין פלעגט אָפט זאָגן:

„ווען די ייִדישע רעליגיע וואָלט ניט פאַרמאָגט קיין אויסלייז־אידייע און ניט קיין שטרענגע מאָראַלישע געזעצן, וואָס פירן צו אָט דער אויסלייזונג, וואָלט דאָס ייִדישע פאָלק ניט געהאַט אָן וואָס זיך צו קלאַמערן, און עס וואָלט אונטערגעגאַנגען". און טאַקע דערפאַר האָט ריווקין געהאַלטן אין איין פאָדערן „ליטעראַטור במקום רעליגיע". דאָס הייסט, אַז די ליטעראַטור זאָל זיך פאַרהאַלטן מיט דעם זעלביקן ערנסט, מיט וועלכער רעליגיע האָט זיך באַנומען, ווען זי האָט געפורעמט די געשטאַלטן פון אירע הייליקע וועגווייזערס און לערערס. ערשט דעמאָלט וואָלט די וואָרט־קונסט, ליטעראַטור, געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם ייִדישן פאָלק אויף דער מענטשהייט, און די שרייבער־קינסטלערס וואָלטן דאַן געוואָרן געשטאַלט־געבער, זיי וואָלט אַריינגעבלאָזן אַ רוח־הקודש אין זייערע העלדן.

אָט וואָס ריווקין פלעגט זאָגן: „מיין משיחיזם איז נישט ווי ביי די גויים. ביי זיי איז עס געצנדינערײ, ביי מיר איז עס אַ לעבעדיקע פירנדיקע אידייע. מיין משיחיזם וועגד איך אָן אויף לעבעדיקע מענטשן".

משיחיזם ביי ריווקינען האָט באַטייט: נעמען די משיח־אידייע צוזאַמען מיט דער משיח־געשטאַלט און נוצן עס ווי אַ ממשותדיקן כוח. דערפאַר טאַקע האָט ריווקין געפאָדערט פון די שריפטשטעלערס, זיי זאָלן אין זייער ווערק ווערן עכטע געשטאַלט־געבער. „אויב זיי וועלן פאַרזען אָט־דעם עיקר" פלעגט ריווקין זאָגן מיט אויפרעגונג — האָבן מיר פאַרלוירן אונדזער אויפטו מיט דער ייִדישער ליטעראַטור.

איך וויל דאָ ציטירן ריווקינען פון בוך: „ב. ריווקין, לעבן און שאַפן". אַ וויכוח צווישן פינף שרייבערס:

איר רעדט און רעדט טרוקענע קאָפּ־און מוח־רייד. די פראַגע שטייט פאַר אונדז קאָנקרעט: ניט וואָס מיר האָבן געטאָן, נאָר וואָס דאַרפן מיר איצט טאָן. אויב גיין צוריק צו די נביאים, דאַרפן מיר געשטאַלט־געבער ווערן און אויספורעמען אַ נייעם מענטשן בצלם אלקים. אַזוי האָבן געטאָן די נביאים: זיי זיינען קינסטלער־שפּילער געווען אויף זעונגען און געשטאַלטן. קינסטלער־שפּילער אין דעם גרויסן ייִדישן זין פון וואָרט: מענטשן־באַשאַפער. וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן אָבער־און־ווידער דאָס

פאָלק באַשאַפן און איבערגעשאַפן. אָט איז מעשה־בראשית און אָט איז מתן־תורה. פון יעדן אומגליק, פון יעדן חורבן האָבן זיי אַ זעונג אַרויסגעקראָגן, און דאָס פאָלק פאַר די הערצער אַריינגעצויגן אין דער זעונג. ביז זיי האָבן אָנגעצונדן די זעונג פון משיחס צייטן און משיחן.

אויף גלויבן און האָפענונג האָבן זיך געטראָגן די ייִדישע דורות זינט דעם גרויסן באַגינען פון אונדזער פאָלק. דאָס וואָרט משיח איז אָנגעלאָדן געוואָרן מיט אַ געהיימער קראַפט, וואָס האָט אָנגעטריבן די רעדער פון דער ייִדישער געשיכטע און אַרויסגעגעבן אַ ליכט, וואָס האָט באַלויכטן דעם פינצטערן גלות־וועג...

דאָס ייִדישע פאָלק, אין שטענדיקער באַלאַגערונג פון די גרויסע מאַכטן, האָט זיך מיאש געווען פון דער האָפענונג זיי צו באַזיגן מיט פיזישער גבורה. האָט דאָס ייִדישע פאָלק דורך זיינע נביאים געגומען אויסאַרבעטן אַ גייסטיקן געווער זיי צו באַזיגן. האָט דער ייִדישער משיח במילא געמוזט זיין אַ משיח פאַר אַלע אַרומיקע פעלקער. שטייט טאַקע אין ישעיה: — „מיין אויסדערוויילטער, וואָס נשמה טוט גלוסטן — איך האָב אויף אים מיין גייסט געגעבן, ער זאָל ברענגען גערעכטיקייט צו די פעלקער". — דאָס ייִדישע פאָלק האָט זיך אויפגעגעבן אַ ראָלע צו זיין „אַ ליכט פאַר די פעלקער" — אַ נאַציאָנאַלע־אינטערנאַציאָנאַלע ראָלע.

דער ייִדישער גורל ווערט געפירט לויט אַ טאָפּלטן חשבון: לויט אַן אויבערשטן נשמה־חשבון פון מסירת נפש און פאַרדינסטן, און לויט אַן אונטערשטן מאַטעריעלן חשבון פון הוילע נויטווענדיקייטן, ווייל מיר לעבן אויף צוויי פלעינען, און יעדער פלעין האָט זיך זיינע באַזונדערע געזעצן. דאָס געזעץ פון אויבערשטן פלעין איז מאָראַלישער געבאָט: „דו זאָלסט!"; דאָס געזעץ פון אונטערשטן פלעין איז פיזישער מוז: סיבה און פעולה. מיט יעדן יחיד איז אַזוי, מיט יעדן פאָלק איז עס אַזוי. מיר זיינען דערמיט אַנדערש, וואָס נישט האָבנדיק כמעט קיין מאַטעריעלן אָנשפאַר, האָבן מיר מער ווי אַלע אַנדערע פעלקער געדאַרפט זיך אָנטרויען דעם אויבערשטן מאָראַלישן חשבון. האָבן מיר כסדר געדאַרפט האָרעווען מיט דער נשמה, און קיין נשמה־האָרעוואַניע גייט ניט פאַרלוירן. האָבן מיר דור נאָך דור זיך געגעבן שטיקער נשמה־יתירה און אַלע די שטיקער האָבן זיך אַריינ־

געאַרבעט אין ריזיקן נשמה־כוח, וואָס האָט געהאַט פאַר זיין איינפלוס די גאַנצקייט פון יידישן פאָלק. און לעבעדיק איז אָט דער געשיכטלעכער אָנפאַרדינטער ריזיקער נשמה־כוח, ווייל אַלץ וואָס שלאָגט זיך אָפּ פון מענטשנס לעבעדיקן גייסט, לעבט. אַפילו אַ פשוטע געוווינהייט, וואָס דער מענטש האָט אויסגעהאָדעוועט אין זיך, וויל ווערן אַ לעבעדיקער נפש צו באַלעבאָטעווען איבער אים, בפרט אַ כוח, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאָדעוועט אין משך פון טויזנטער יאָרן, און אין זיין געשיכטלעכער נויט כסדר געשיקט צו אים תפילות און געשווירן צו אים שבועות, און באַשטעטיקט זיינע שבועות מיט הייליקע מעשים ביז צום קידוש השם. אַוודאי לעבט אָט דער אָנגעזאַמלטער כוח, ער האָט איינגעזויגן אין זיך דעם פאָלקס גאַנצן נפש. ער איז דאָך דעם פאָלקס אייגענער לעבעדיקער גייסט, וואָס לעבט מיט דעם קאָנצענטרירטן לעבן פון דעם פאָלקס אַלע דורות.

ווי און ווען האָט ריווקין געאַרבעט אויף די „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע"?

ב

ריווקינען איז שווער געווען זיך אַוועקזעצן אַרבעטן, האָט ער זיך, אָבער, שוין געזעצט ביים טיש, פלעגט ער אַרבעטן כמעט אָן אַן איבעררייס אַ דריי אָדער פיר טעג, ביז שפּעט אין די נעכט, און זיך ניט קאָנען שיידן מיט דער אַרבעט; ער האָט זיך ניט פאַרגונען אַ פּאָר שעה רו. איך פלעג זיך ביי אים בעטן, ער זאָל כאָטש אָפּכאַפּן דעם אָטעם, פלעגט ער זאָגן, ער קאָן עס ניט טאָן, ווייל דער קאָפּ אַרבעט סיי ווי סיי ביים אים אָן אַן אָפּשטעל און לאָזט אים ניט רוען.

ריווקינס בעסטע אַרבעטס־שטונדן זיינען געווען פון דריי פאַר טאָג, ווען אַלץ אַרום איז געווען שטיל און רויק. און אַז דער זייגער האָט געוויזן אויף זעקס, האָט ריווקין מיך געוועקט אויפשטיין און זיך זעצן איבערשרייבן זיינע שוין פאַרטיקע דריי זייטלעך; און בשעת מיין אַרבעט וועט ער פאַר מיר צוגרייטן נאָך אַ צאָל זייטלעך. אַזוי פלעגן מיר אַרבעטן, נאָכקומען איינער דעם אַנדערן, ער מיט דער פען און איך אויף דער שרייבמאַשינקע.

און אַז ער האָט שוין פאַרענדיקט אַן אַרבעט און איך האָב עס שוין איבערגעשריבן, ערשט דאַן האָט ער עס צעשניטן אויף שורות און ווערטער און עס געקלעפּט. אַרויסגענומען שטעלן און צוגעגעבן נייע, געמעקט, געקירצט אין אייניקע פלעצער, און פאַרלענגערט אין אַנדערע. פלעג איך האָבן טענות צו אים, ווייל נאָכן קלעפּן האָב איך עס באַדאַרפט אויף דאָס ניי איבערשרייבן. האָט ער ווי געוואָלט זיך פאַרענטפערן. פלעגט ער צוגיין נאָענט און אַריינרעדן אין מיר:

— דו ווייסט, אַז מיר קענען זיך ניט פאַרגינען אַ לייכט לעבן? די

גויִים, זיי קענען זיך פאַרגינען לעבן לייכט. אָבער מיר מוזן אַרבעטן, אַרבעטן, ביז מיר וועלן אויסאַרבעטן אַ מעטאָד אַזוי, אַז מיר זאָלן גיין איבער זייערע קעפּ. אויב ניט זיינען מיר „קאַפּוט״! מיר שאַפן אַ ליטע־ראַטור ביי אַ טעריטאָריעלאָזן פאָלק, וואָס טראָגט זיין טעריטאָריעלאָזיקייט האָט עס זיך דווקא איינגעעקשנט צו רעכענען זיך פאַר אַ פאָלק און בלייבן אַ פאָלק, וואָס דערפון פאָלגט שוין במילא, אַז דער קיום פון דער ייִדישער ליטעראַטור איז אַנאָרמאַל, ווי אַנאָרמאַל עס איז דער קיום פון פאָלק גופא. דעריבער קומט אונדז אויס צו אַרבעטן שווער.

דאַרפסטו דאָס פאַרשטיין און ניט מאַטערן מיך... עס איז קיין מאָל ביי אונדז ניט געווען קיין נאָרמאַלע סביבה, ווו ליטעראַטור זאָל קאָנען ווערן דער הויפּט־אינסטרומענט אויף צו אָרגאַניזירן אונדזער נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין.

— ווייסט שוין פאַר וואָס איך מוז אַזוי שווער אַרבעטן? מיר מוזן גיין אויף אַ שעפערישן וועג. דאַרפן מיר אויסאַרבעטן אַ ברייטערן פאַרנעם. איז וויפיל איך זאָל ניט זאָגן איז ניט גענוג, ניט גענוג, דו פאַרשטייסט פאַר וואָס איך אַרבעט שווער? און די רעדאַקטאָרן פון די צייטונגען און זשורנאַלן פאַרשטייען עס ניט. מוז איך שמוגלען מיינע אידייען אויף איבער זייערע קעפּ. מוז איך אַרבעטן און איבעראַרבעטן. איז עס גאָר ניט קיין לייכטע זאַך פאַר מיר. און נאָך שווערער איז, וואָס איך האָב ניט ווו צו דעררײדן ביזן סוף, בין איך געצוווּנגען אויסזוכן אַ וועג ווי אַריינ־צוגנבענען מיינע געדאַנקען. און וואָס ברייטער איך פאַרנעם זיך, אַלץ ענגער מאַכט מען מיר.

איין מאָל האָט ריווקין צו מיר אַ זאָג געטאָן מיט צער אין זיין קול:

— זיי טרייבן טריטווייז די ליטעראַטור אין קבצנות אַריין. און אויב מען וועט זיך ניט ראַנגלען, וועלן זיי מיט דער צייט זי אַריינשפּאַרן אין אַ דלות־קלעם, פון וועלכן קיין אויסוועג וועט ניט זיין. אָבער לכל הפּחות גיבן זיי דיר צייט אויף צו ראַנגלען זיך מיט זיי.

און ביים וואָרט ראַנגלען זיך האָט ער אַ שטרעק געטאָן זיך מיט דער האַנט אין דער הויך, און אַ גוטמוטיקער שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זיין געזיכט, און ער שרייט אויס:

— דאַרף עס דיר ניט פאַלן שווער. ווייל פון איבערגעשריבענעם מאַנוסקריפּט איז עס מיר לייכטער צו טאָן!

איך האָב אים אויסגעהערט און נאָך מער ווי פאַרשטאַנען, אים טיף מיטגעפילט.

האָט זיך ביי אונדז געפירט אַ סדר פון אַ מין וואַרשטאַט. און פאַר דעם צוועק איז אַלע מאָל געווען צוגעגרייט אויף ריווקינס שרייבטיש אַ שער, און קלעפּעכץ. ווען ריווקין האָט באַדאַרפט מאַכן אַ גרעסערע אַרבעט, פלעגט ער אַ צוויי דריי טעג מאַכן נאָטיצן. אַרומגיין איבערן צימער אָדער ליגן אויפן סטודיאָ־קויטש שעהען לאַנג — און טראַכטן.

אַז איך פלעג זען ווי ריווקין גייט אַרום איבערן צימער אַ צעשטרייטער, פלעג איך אים אונטעריאָגן, ער זאָל זיך זעצן שרייבן. פלעגט ער זיך בייזערן אויף מיר און אויסשרייען:

— דו ווייסט דען ווי מיין קאָפּ אַרבעט? איך האָב אַ גאַנצן בוך אין קאָפּ, און דאַרף עס אַריינפּרעסן אין צען זייטעלעך. איז עס אומגעהייער שווער.

גיב איך אַן עצה:

— שרייב! טראַכט ניט וועגן די זייטלעך, וואָס מען האָט דיר באַוויליקט.

ריווקין, מיט פאַרדרוס:

— אַ דאַנק דיר! דאָס טו איך דאָך אַליין. אָבער ביים אַריינפּרעסן אַ בוך אין אַ קאַפּיטעלע, טו איך זיך אָן אַ שיעור שאָדן.

פּלוצלונג פלעגט ער מיט אַן אימפּעט אַריינלויפן אין צווייטן צימער, דאָס פּנים צעלויכטן, אַז איך האָב אים דערזען אין אַזאַ צושטאַנד, בין איך שוין רויִקער געוואָרן, ווייל דאָס זיינען געווען סימנים, אַז ער וועט זיך שוין זעצן שרייבן. און איך פלעג צוגיין אַ קוק טאָן אויף זיין שרייבטיש, אויב ער האָט אויפן בייגעלע פּאַפּיר שוין אָנגעשריבן, אַ מאָל אין אַ ווינקל פון דעם זייטל פּאַפּיר און אַ מאָל אין מיטן, זיין נאָמען ב. ריווקין, האָב איך געוווּסט, אַז ריווקין שרייבט שוין טאַקע. איידער ער האָט אַוועקגעשטעלט זיין נאָמען האָט ער זיך גאָר געקאָנט אַ הייב טאָן און צופאָרן אין קאַפע אויף איסט בראָדוויי.

אַזוי האָט ריווקין געאַרבעט בכלל, און אַזוי האָט ער אויך געאַרבעט אויף „די גרונט־טענדענצן״.

*

אָבער ווען האָט ער געשריבן „די גרונט־טענדענצן״, און אונטער וועלכע אומשטענדן?

אין 1936 איז ריווקין אַרויף אויפן שרייבער־פּראָיעקט. אַלע טאָג האָט ער באַדאַרפט גיין זיך מעלדן אין אָפיס.

דאָס גיין זיך מעלדן יעדן טאָג אין אָפיס האָט ביי ריווקינען צוגענומען די גאַנצע וואָך. און נאָך ערגער איז געווען, וואָס דאָס גיין זיך מעלדן אין אָפיס פלעגט אים פטרן דעם טאָג, און שווער מאַכן זיין שטימונג. פלעגט ער זיך שטענדיק כעסן און אויסשרייען ביים עפענען די טיר:

— זיי פאַרסמען מיך און איך קען זיך ניט נעמען פאַר דער אַרבעט.

איין טאָג קומט ריווקין אַהיים אַ צעטראָגענער. און נאָך אויפן שוועל הויבט ער מיר אָן אויסצודערציילן די מעשה:

— מינאַ, אויסגעצייכנט! אין אָפיס האָט מיך דערוואַרט אַ גרויסע איבערראַשונג. טרעף וואָס? — מען רופט מיך צו איינעם פון די רעדאַק־טאָרן. האָב איך שוין געמיינט מען גייט מיך שטראָפן פאַר האַלטן צו לאַנג מיינע אַרטיקלען. ערשט שטעלט זיך אַרויס, אַז איך בין אויסגעקליבן געוואָרן אין דער „קרעאַטיווער גרופּע״ וועלכע באַשטייט פון פיר שרייבער: דריי ניט־יידן און איך דער איינציקער ייד: אויפן פּראָיעקט זענען געווען בסך־הכל 300—400 שרייבער, יידן און ניט־יידן.

— איך בין דער איינציקער שרייבער פון דער יידישער סעקציע, וואָס קען זיצן אין דער היים און שרייבן מיינע אייגענע ווערק...

באַלד בייט זיך ריווקינס גוטע שטימונג, די אונטערשטע ליפּ טוט זיך ביי אים אַ קרים:

— דו ווייסט, עס איז מיר אַביסל אומאָנגענעם צו זיין פּריווילעגירט קעגן אַנדערע. דאָס איז דאָך ש. צ. זעצער, וועלכער האָט דער ערשטער געשטעלט די פאָדערונג, מען זאָל אים דערלויבן זיצן אין דער היים און שרייבן אייגענע ווערק. דערנאָך האָבן אַ צען שרייבער פון די בעסערע זיך צונויפגערעדט און ש. זעצער האָט געשריבן דעם מעמאָראַנדום. —

ריוואָקין זעצט זיך בײַ זײַן שרײַבטיש. גראָבט אײַן דעם קאָפּ אין צײַטונג. ער שווײַגט אַ פּאָר מינוטן. און אָט טוט ער זיך אַ הײב אויף פון שטול, ווי עפּעס וואָלט אים אַ טראָג געטאָן:

— ער איז דאָך אַ קראַנקער מענטש, און אַז ער וועט זיך דערוויסן, דאָס איך בין אויסגעקליבן געוואָרן, וועט ער זיך פאַרפײַניקן. דעם אמת געזאָגט, בין איך גאָט די נשמה שולדיק. איך האָב זיך אָמווינציקסטן געשטופּט. איך האָב דערוואַרט מײַן גאולה פון מײַן „אל־אַמעריקע־פּלאַן" — אַחוץ ש. זעצערן, האָבן ל. שאַפּירא און אבא גאָרדין געמעגט זיצן אין דער היים און פאַרפאַסן זייערע ביכער.

— ווען איך האָב געזאָגט דעם „טשיף־עדיטאָר", אַז מיר איז אומ־באַקוועם; אַז איך וואָלט גערן אָפּגעטראָטן די פּריווילעגיע ש. זעצערן, האָט ער זיך צעשריען אויף מיר: זײַט ניט קיין נאַר, עס איז אַן עקספּע־ר.ימענט, אין מיר קלײַבן אויס ווען מיר געפינען פאַר פאַסיק.

און ריוואָקין טוט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— נו, פאַרפאַלן! — אין זײַן טאָן איז געווען אַזוי פיל אומצופרידנקייט, ווײַל עס וועט מוזן בלײַבן דערווײַל אַזוי.

ריוואָקינס שטימונג פלעגט זיך בײַטן מינוטנווײַז. באַלד האָט זיך צעגאָסן אַ מאַטע־ליכטיקייט אויף זײַן פּנים. — נו, — טוט ער זיך אַ טראָג אין זײַן צימער און גיט אַ שאַר זײַנע האָר פון קאָפּ אַרויף און אַראָפּ, און פון זײַנע פאַרקלעמטע ליפּן האָבן זיך אַרויסגעריסן עטלעכע ווערטער: — וועל איך מיר זיצן אין דער היים און אַרבעטן אומגעשטערט.

ריוואָקין האָט דעם רעדאַקטאָר פון פּראָיעקט פאַרגעלייגט, אַז ער וועט זיך זעצן אַרבעטן אויף „די גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע". און דער רעדאַקטאָר האָט זײַן פּלאַן אָנגענומען.

דאָס וואָס דער פּראָיעקט האָט געצאָלט ריוואָקינען, האָט ניט געקלעקט אויף דירה־געלט. גאַנץ אָפט איז אים אויסגעקומען איבערצורײַסן זײַן שרײַבן און זיך נעמען פאַר קליינע עסייען, כדי צו פאַרזאָרגן דעם חודש דירה־געלט. אַ גאַנצן טאָג אַרומגעשמייעט, דאָ, דאָרט אָפּזעצן אַן אַרטיקל, אַזוי אַז דער טאָג פלעגט אַוועקגיין, און די אַרבעט פלעגט בלײַבן אויף דער נאַכט. פלעגט אונדז אויסקומען אַרבעטן ביז דרײַ פאַר טאָג.

דאָס וואַרפֿן זיך פֿון איין אומפּאַרענדיקטער אַרבעט צו אַ צווייטער און דאָס ניט זיכער זיין מיטן מאָרגן, האָט ריווקינען געקאָסט אַ סך געזונט און זייער פֿיל געשטערט אים אין זיין אַרבעט.

אונטער אַזעלכע אומגיינציקע אומשטענדן האָט ריווקין זיך געזעצט שרייבן „די גרונט־טענדענצן פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע״.

ריווקין האָט די אַרבעט פֿאַרגעשלאָגן י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק פֿאַר די „זאַמלביכער״. זיי האָבן עס גערן אָנגענומען.

אָבער פֿאַר אַזאַ אַרבעט האָט זיך געפֿאָדערט אַ בודזשעט פֿון עטלעכע הונדערט דאָלאַר, דער שרייבער זאָל קאָנען רויִק זיצן און אַרבעטן.

אָבער ריווקין איז אַפֿילו מיט אַ פּאָר חדשים דירה־געלט ניט פֿאַרזאָרגט געווען. איז עס אים אָנגעקומען זייער שווער. און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז ריווקין זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון אָט דער אַרבעט.

אָבער ה. לייוויק האָט זיך איינגעעקשנט, אַז ער מוז אַרויסקריגן די אַרבעט פֿון ריווקינען. האָט ער געהאַלטן אין איין קלינגען צו אונדז, און אונטערריאָגן ריווקינען, ער זאָל זיך זעצן אַרבעטן. לייכט איז עס לייוויקן ניט אָנגעקומען אַוועקצוזעצן ריווקינען צו דער אַרבעט. האָב איך אים געמוזט אַרויסהעלפֿן, און ווירקן אויף ריווקינען. הגם איך האָב גוט געוווּסט, אַז ריווקין וועט ניט קאָנען זיצן רויִק און אַרבעטן. ווייל מיט די אַכצן דאָלאַר אַ וואָך פֿון פּראָיעקט האָט אַפֿילו דאַן אַ פֿאַמיליע פֿון דריי ניט געקאָנט אויסקומען.

ריווקין האָט אָבער תמיד אויסגעמיטן ווי צו טאָן לייוויקן. ער פֿלעגט אַלע מאָל פֿאַרהיטן זיין געזונט.

דעם טאָג, וואָס לייוויק האָט געקלונגען צו אונדז, און געפֿרעגט וואָס הערט זיך מיט דער אַרבעט, יענעם טאָג פֿלעגט ריווקין אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

איך האָב אַזוינע שפּעטע שעהען ניט געקאָנט אַרבעטן אויף דער שרייבמאַשינקע, ווייל איך פֿלעג מיט מיין קלאַפּן אויף דער שרייבמאַשין שטערן די שכנים דעם שלאָף.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט לייוויק ווידער געקלונגען. איך זאָג ריווקינען, אַז לייוויק וויל צו אים רעדן. ענטפֿערט ריווקין אין געאייל: „זאָג

אים: איך האַלט אין מיטן אַ זאַץ". איך האָב לייוויקן צוגעזאָגט, אַז איך וועל אים קלינגען אַזוי גיך, ווי ריווקין וועט האָבן דעם ערשטן קאַפּיטל פאַרטיק.

לייוויק האָט אויף מיין קלינגען זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן. שפּעטער מיט אַ וואָך האָט לייוויק ווידער געקלונגען, דאָס מאָל איז ער שוין געווען ברוגזלעך און ער זאָגט: איך בין שוין מיד צו מינטערן ריווקינען, ער זאָל געבן דעם קאַפּיטל. ריווקין פון זיין צימער: „זאָג אים, אַז מאָרגן וועט ער קריגן דעם קאַפּיטל, דו וועסט אים ברענגען".

ריווקין האָט געזאָגט, אַז ער וועט האָבן דעם קאַפּיטל פאַרטיק גלייך אין דער פרי, אָבער איך רעד אָפּ מיט לייוויקן אויף איינס אַזייגער ער זאָל וואַרטן אין דרוקעריי.

דריי אַזייגער האָט ריווקין פאַרענדיקט דעם קאַפּיטל. געקומען בין איך אין דרוקעריי פיר. עס איז געווען אַ הייסער זומערדיקער טאָג. די דרוקעריי איז געווען אויף דער פערטער גאַס, דעם נאָמען געדענק איך ניט.

די היץ איז געווען אומדערטרעגלעך. לייוויק האָט זיך אַזוי אָפּגעפּיי־ניקט דריי שעה וואַרטנדיק אויפן קאַפּיטל. מסתמא האָט ער געטראַכט, אַז איך וועל אין גאַנצן ניט קומען און זיין וואַרטן און בראָטן זיך אויף דער זון איז אומזיסט. איך האָב אויך געטראַכט, אַז מיין יאָגן זיך איז אומזיסט, ווייל ער וועט אַזוי לאַנג ניט וואַרטן.

אַז איך האָב דערזען לייוויקן פון דער וויטן זיצן אויף אַ שטול לעבן דער וואַנט פון דער דרוקעריי, פאַרלייגט איין האַנט אויף דער אַנדערער, און די זון האָט געלאַכט מיט פייער איבער זיין ווייסן קאָפּ, האָט מיר זיך אויסגעוויזן, אַז לייוויק איז אַ צעשטראַלטער, אַ צעזוניקטער; און מיין געמיט איז מיר לייכטער געוואָרן.

אָבער אַז איך בין נעענטער צוגעקומען, האָב איך לייוויקן דערזען אַן אומגעדולדיקן. ער האָט מיט אַן אויפגערעגטער שנעלקייט ביי מיר גענומען דעם קאַפּיטל פון דער האַנט, און מיר זיינען אַריין אין דרוקעריי. לייוויק האָט ברוגזלעך אַרויסגערעדט: איך בין שוין קראַנק פון מינטערן ריווקינען, איך האָב שוין געוואָלט אַוועקגיין.

איך בין געווען פול מיט וויטיק און פאַרדרוס. ווייל איך האָב געוווסט

גוט די סיבה פון ריווקינס פאַרשפּעטיקן זיך מיט דער אַרבעט. אין דער זעלבער צייט האָט מיך געאַרט, וואָס לייוויק האָט באַדאַרפט אַזוי לאַנג וואַרטן. אָבער איך האָב לייוויקן גאָרניט געקאָנט ענטפערן אויף זיין ברוגזן זיך. בין איך כמעט ווי אַרויסגעלאָפן פון דרוקעריי. מיט געאיילטע טריט האָט זיך לייוויק געלאָזט צו דער טיר און גערופן מיך אויף צוריק. אָבער מיין האַרץ איז געווען אַזוי פאַרקלעמט, אַז איך האָב ניט געקאָנט זיך אָפּרופן.

ווען איך בין אַהיימגעקומען האָב איך געטראָפן ריווקינען זיצן אין קיך די הענט צעשפּרייט אויפן ווייסן טישטעך. זיינע גרויסע בלויע אויגן זיינען קלענער געוואָרן פון מידקייט, ער האָט געריוויכערט און געטרונקען שוואַרצע קאַווע. איך גיי צו צו אים און בעט זיך ביי אים ער זאָל גיין זיך צולייגן. ריווקין האָט אַ הייב געטאָן זיינע מידע אויגן, אַ קוק געטאָן אויף מיר און געזאָגט: „איך בין אַזוי מיד, אַז איך קאָן ניט שלאָפן". און ביי די רייד פרעגט ער מיך: „וואָס האָט לייוויק געזאָגט — ער האָט זיך געכעסט?" און ער טוט זיך אַ הייב אויף פון שטול, און רעדט אַרויס מיט פאַרקלעמטע ליפּן: „זאָלן זיי מיר געבן אַ דזשאָב! איך זאָל ניט דאַרפן זיך וואַרפן פון איין אַרבעט צו דער צווייטער".

צוויי קאַפּיטלעך האָט ריווקין אָנגעשריבן. זיי זיינען געווען געדרוקט אין די „זאַמלביכער" נומער צוויי און דריי. אין יאָר 1937 דער ערשטער קאַפּיטל און אין 1938 דער צווייטער קאַפּיטל.

*

דער פּראָיעקט האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. מען האָט גענומען אָפּזאָגן שרייבער.

י. א. ראָנטש איז דאַן געווען דער רעדאַקטאָר פון דער יידישער גרופּע. האָט ער געעצהט ריווקינען ער זאָל אַרויף אויף רעליף; דערנאָך וועט ער צוריק קאָנען אַרויפגיין אויפן שרייבער־פּראָיעקט.

געקומען איז ריווקין פון אָפיס אין אַ געדריקטער שטימונג. ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם געדאַנק „רעליף". מיר איז עס אויך דערווידער געווען. אָבער עס איז ניט געווען קיין אַנדער ברירה. און מיר באַשליסן עס צו טאָן.

איך און ריווקין גייען אַריין אין אַ געביידע אויף טרימאָנט־עוועניו, לעבן דער דריטער עוועניו. די געביידע האָט אויסגעזען ווי אַן אימיגראַנטן־הויז, און ניט ווי אַ פּלאַץ, וווּ מען גייט זיך פֿאַרשרייבן אויף רעליף.

די לאַנגע בענק אַרום די קאַלטע פֿינצטערע ווענט זיינען באַזעצט מיט מענטשן. פרויען האָבן געהאַלטן קליינע קינדער אויף די הענט. עס האָט זיך געטראָגן דער געוויין פֿון די קינדער איבער דעם גאַנצן האָל און קאָרידאָר.

דער אויפֿזעער האָט אונדז אָנגעוויזן אין אַ ווינקל פֿון צימער אויף אַ שמאָלער באַנק. ריווקין האַלט אין איין האַנט דעם הוט און אין דער צווייטער דאָס סיגאַרעטל. דער אויפֿזעער פֿרעגט ריווקינען זיין נאָמען. ער זאָגט אים, יענער פֿאַרשרייבט, טראָגט עס אַוועק אין אַ דערבייאיקן צימער, און אונדז הייסט ער וואַרטן ביז מען וועט אונדז רופֿן.

אָפּגעזעסן זיינען מיר אַ פּאָר שעה. ריווקין איז אומגעדולדיק. ער הייבט זיך אַלע מינוט פֿון פּלאַץ.

ענדלעך האָט זיך געטראָגן אַ פֿאַרשטיקטער קול: „מר. ווײַנרעבע!" (ריווקין). איך און ריווקין זיינען אַריין אין אַ קליינעם צימערל, וווּ עס איז געזעסן אַ קלוירק, וואָס פֿרעגט אויס אַלע דעטאַלן. ווי לאַנג ריווקין איז אַן אַ דזשאַב, וווּ האָט ער פֿריִער געאַרבעט, וויפֿיל ער האָט פֿאַרדינט, ווען ער האָט געאַרבעט, און וואָס האָט ער געטאָן מיטן געלט וואָס ער האָט פֿאַרדינט. ריווקין דערציילט ווו און ווען ער האָט געאַרבעט, און וויפֿיל ער האָט פֿאַרדינט. דער קלוירק טוט זיך אַ כאַפּ: פֿאַר וואָס האָט איר ניט געשפּאָרט קיין געלט? ריווקין מיט כעס: „דיאַוועל!" און טוט זיך אַ הייב פֿון שטול: „איר ווייסט, איך בין אַ גרויסער יידישער שרייבער!" דער קלוירק הייסט ריווקינען זיך אַוועקזעצן. אָבער ריווקין איז גרייט אַוועקצו־גיין. איך בעט אים ער זאָל זיך באַרויִקן. ריווקין טוט אַ קוק אויף מיר ווי בלאָס און צעשראָקן איך בין און ער זעצט זיך צוריק אויפֿן שטול.

אָנגעזאָגט האָט מען ריווקינען, אַז ער זאָל די עלטערע טאָכטער ניט אָנגעבן, ווייל זי האָט געאַרבעט און פֿאַרדינט פֿינף און פֿערציק דאָלאַר אַ וואָך. דער קלוירק פֿרעגט ריווקינען, וויפֿיל קינדער ער האָט? ריווקין ענטפֿערט: אַ זון. — אייער זון אַרבעט? — ניין! וויפֿיל נאָך קינדער האָט

איר? ריווקין ענטפערט: „אַ טאָכטער וואָס לערנט זיך". — מער קיין קינדער האָט איר ניט?

ווען עס איז געקומען צו פאַרלייקענען זיין עלטערע טאָכטער, וואָס האָט געאַרבעט, האָט ריווקין אַ כאַפּ געטאָן די פּאַפּירן פון טיש, און אַ שליידער געטאָן צום קלוירק, און האָט אויסגערופן צו מיר: „קום!" איך האָב גענומען מיין מאַנטל און מיר האָבן זיך געלאָזט צו דער טיר.

אָט די אינקוויזיציע האָט מיך אַריינגעלייגט קראַנק אין בעט אויף גאַנצע צוויי וואָכן.

ריווקין האָט מיך געהאַלטן אין איין טרייסטן: „שרעק זיך ניט, עס וועט זיין בעסער".

מיט געלט אין קעשענע...

ג

איך קום קיין שיקאַגאָ. געווען איז עס אין 1934. ריווקין באַגעגנט מיך אויפן וואָקזאַל, און מיט אַ שמייכלענדיקן פּנים זאָגט ער צו מיר:

„דו הערסט! איך האָב אין שיקאַגאָ געמאַכט אַ סומאַטאָכע; ניט געשריבן זיי, אַז איך קום, ניט געדונגען זיך, ניט אָפּגעמאַכט. דער גאַנצער טאַראַראַם איז פאַרלאָרן געגאַנגען! זיי האָבן דאָ ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט מיר". אויף ריווקינס פּנים צעגיסט זיך אַ ברייטער שמייכל, און באַלד האָבן דריי קנייטשן איינגעשניטן זיין הויכן שטערן, און ס׳דאַכט זיך, אַז זיין שטערן איז קלענער געוואָרן. און ער רעדט אַזוי שטיל אַרויס: „און אפשר האָבן זיי גאָר מורא געהאַט, אַז דער גדול איז גאָר קיין גדול ניט? דו ווייסט, מיר דאַכט זיך, אַז דער קבלת־פּנים איז טאַקע קיין קבלת־פּנים ניט געווען. אַראָפּגעלייענט האָב איך פון זייערע פּנימער זייער צווייפל: אפשר איז דער גדול קיין גדול ניט? ריידן האָב איך צו זיי גערעדט ווי אַ גדול; והא־ראיה, אַ סך פון זיי האָבן מיינע רייד ניט פאַרשטאַנען. און שרייבן שרייב איך דאָך נאָך מער ווי אַ גדול: מען פאַרשטייט דאָך נאָך ווייניקער".

ריווקינס ערנסטער אויסזען איז ווי אַ וואָלקן הינטער אַ שמייכלדיקער זון פאַרגאַנגען. אַ מילדער שמייכל האָט באַלויכטן זיין געזיכט. ער האָט זיך געפרייט. גיב איך אַ פרעג ריווקינען, וואָס ער פרייט זיך. צעלאַכט ער זיך ווי אַ קינד:

„אָבער פון דאָס ביסעלע וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען, האָבן זיי, דאַכט זיך, איינגעזען אַז עס איז דאָ גאָר אַ סך צו פאַרשטיין ביי מיר. אָבער דער עיקר האָט זיי געפעלט די ,מאַרקע׳, דער ,לעיבל׳".

ריוואָקין האָט זיך האַסטיק אַ טראָג־געטאָן און אָט איז ער שוין מיט אַ גאַס פאָרויס פון מיר. אָפּגעגאַנגען אַ גאַס, בלייבט ער שטיין צוואָרטן אויף מיר. איך האָב זיך דערנענטערט צו אים. איך בעט ריוואָקינען זיין רו׳ק, ווייל אַלץ וועט זיך איינאָרדענען. ריוואָקין האָט מיט דער אייבערשטער ליפּ פאַרקלעמט די אונטערשטע ליפּ, און מיט אַן אויסגעשריי:

„ניטאָ קיין פירמע, ווייסן זיי נעבעך ניט דעם פּרייז. און ווייסן ניט ווי זיי זאָלן זיך באַצי׳ען צו מיר. ביי זיי איז דאָך אַ כבוד אָפּצוגעבן כבוד״... רעדט ער מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, „דאָס איז דאָך זייער גאַנצע חיונה פון גדולים...״ ביי די ווערטער איז ער בייז געוואָרן. „דו ווייסט? עס מאַכט ביי זיי ניט אויס ווי גרויס דער גדול איז; יאָ אַ גדול, צי ניט קיין גדול, דער עיקר איז ניט וואָס איינער איז, וואָס ער האָט, נאָר וואָס ער קריגט; זיין אמתער ווערט ווערט באַשטימט לויט זיין פּרייז; און לויט דעם וויפיל זיין פּרייז איז אויפן גדולים־מאַרק... זיי אַליין ווייסן ניט פון קיין פּרייז פאַר אַ גדול, זיי האָבן ניט קיין אייגענעם פּרייז״...

איך רייס איבער ריוואָקינען אין מיטן זיינע רייד, און זאָג:

„אַוודאי האָסטו זיי געדאַרפט לאָזן וויסן פרי׳ער, אַז דו קומסט, ניט זיך אַריינשטעלן ווי אַ נישט קיין געבעטענער אויף אַ חתונה״.

ריוואָקין ווערט אַ ווײַלע שטיל־שטיל, און באַלד קוקט ער מיר אַריין אין די אויגן און זאָגט: „אַ דאַנק דיר! איך זאָל וואַרטן ביז זיי וועלן געוווּיר ווערן פון דער ניו־יאָרקער גדולים־בערזע מיין פּרייז?!״ און ער רוקט זיך נאָך נעענטער צו צו מיר:

„דו ווייסט דען ניט, אַז ניו־יאָרק טיילט אויס צו גדולים פּאַספּאָרטן? ניו־יאָרק גיט זיי פירמע, ניו־יאָרק שטעמפּלט זייער פּרייז, און איך בין ניט קיין געפּרייזטער גדול. און ניט קיין ,געלעיבלטער׳ פון ניו־יאָרק״... און ריוואָקין בייסט, בייסט מיט די ציין זיין אונטערשטע ליפּ. און די ווערטער זיינען געבליבן האַלבע צווישן די ציינער. „אָן אַ פּרייז איז גאָר קיין סחורה ניט! אַזוי אויך אַ גדול אָן אַ לעיבל. און דאָס האָט זיך טאַקע באַשטעטיקט: ווען איינער פאַרמאָגט אַ סך, גיט מען אים נאָך אַ מאָל אַזוי פיל; ווען איינער האָט ווייניק, נעמט מען דאָס ווייניקע אויך פון אים צו״.

און באַלד רייסט ריוואָקין אַליין זיך איבער און זאָגט צו מיר:

„דו הערסט, מינאָ! די מעשה איז גאָרניט אַזוי קורץ. איך בין געבליבן שטעקן דאָ נאָך אַלע מיינע העלדישקייטן. און געבליבן בין איך דאָ שטעקן, טרעף פאַר וואָס? ווייל איך האָב ניט געהאַט מיט וואָס אַרויסצופאָרן פון דאַנען. דערפאַר ביסטו אַהער געקומען..." — און ער שמייכלט דערביי צו. „ווען מיר זען טאַקע דאָ עפּעס אויפצוטאָן, איז גוט וואָס מיר זיינען צוזאַמען. וועל איך זיך אַ נעם טאָן אויף אַ גרויסן שטייגער שרייבן. און דו וועסט מיר העלפן, איבערשרייבן מיינע זאַכן אויף דער שרייבמאַשינקע, און עס וועט אונדז גוט זיין... יאָ, טשערניאַווסקי האָט מיר פאַרגעלייגט איך זאָל אָנשרייבן אַ שלום־עליכם־ספּעקטאַקל. איך האָב דאָ גאַנץ היפּשלעך אַריינגעאַרבעט. איצט אַז דו ביסט דאָ, וועט עס גיין מיט אַן אימפּעט. נאָך די וואָך וועל איך אים צושטעלן דעם ערשטן אַקט. אַרבעטן ביי טאָג און ביי נאַכט. און עס וועט זיין געלט... און אונדז וועט זיין גוט..."

צוויי טעג און צוויי נעכט איז ריווקין אָפּגעזעסן, און האָט אָנגעשריבן דעם ערשטן אַקט.

ניט קיין אויסגערוטער, לאָזט ער זיך פאָרן צו טשערניאַווסקין. אים דערלאַנגען דעם ערשטן אַקט (ריווקינס אַן אויסדרוק). קיין „קאַרפער" האָט ריווקין ניט. וואָס טוט מען? ריווקין טוט זיך אַ כאַפּ: „דו ווייסט? איך וועל פאָרן צו טשערניאַווסקין מיטן זעלביקן טיקעט, אויף וועלכן איך בין געקומען אַהיים פון טאָלטשינען".

צען אַזייגער אין דער פרי איז ריווקין אַוועקגעפאָרן צו טשערניאַווסקין. דערוואַרט האָט ריווקין צו קריגן פון טשערניאַווסקין פופצן דאָלאַר. געקראָגן האָט ער פון טשערניאַווסקין צוואַנציק דאָלאַר. געקומען איז ריווקין אַ היים אַ פריידיקער. נאָך איידער ער האָט גוט געעפנט די טיר האָט ער אויסגעשריען:

"וונדער איבער וונדער, מינאָ! טשערניאַווסקי האָט מיר דערלאַנגט צוואַנציק דאָלאַר. איך בין אַריין אין אַ רעסטאָראַן, אָפּגעגעסן עפּעס... דעם אמת געזאָגט האָב איך ניט געוואָלט עסן, נאָר כדי צו בייטן אַ צענערל איך זאָל האָבן „קאַרפער" אויף צוריקוועגס... דערנאָך האָט עס מיר פאַרדראָסן: איך האָב ניט באַדאַרפט עסן. בעסער וואָלט געווען ווען איך קויף סיגאַרעטס אויף אויסצובייטן די צען דאָלאַר".

פון די צוואַנציק דאָלאַר האָט ריווקין אַוועקגעשיקט דער טאָכטער קיין ניו־יאָרק צען דאָלאַר, אַ וואָך דירה־געלט באַצאָלט. הכלל, פון די צוואַנציק דאָלאַר איז אים געבליבן פיר דאָלאַר.

מיט אַ זיכערער שטימע האָט ריווקין אַ זאָג געטאָן צו מיר:

„מיט געלט אין קעשענע וועל איך האָבן כוח זיצן רויִק און ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט"...

ב. ריווקינס אָפּגעשפּאָרטע דריי הונדערט דאָלאַר

ד

אין יאָר 1939 האָט ריווקין אָנגעפאַנגען פון דאָס ניי אַרבעטן אין דער באַנייטער טעגלעכער פילאַדעלפיער צייטונג „אידישע וועלט". מיר האָבן זיך אָבער קיין פילאַדעלפיע ניט אַריבערגעצויגן, ווייל די עקזיסטענץ פון דער צייטונג און ריווקינס אַרבעט אין איר איז ניט געווען קיין זיכערע זאַך. האָבן מיר אָנגעהאַלטן אונדזער וווינונג אין די בראָנקס, ניו־יאָרק.

שבת שפּעט ביי נאַכט, אָדער זונטיק גאַנץ פרי, פלעגט ריווקין געוויינטלעך קומען אַהיים. אָבער אָפט פלעגט פּאַסירן, אַז ער פלעגט זיין קליינעם געהאַלט פאַר דער אַרבעט ניט קריגן, אַזוי אַז ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו קויפן אַ בילעט, פלעגט ער יענע וואָך דורכלאָזן.

דריי חדשים זיינען אַזוי אַוועק און ריווקין איז נאָך אַלץ די גאַנצע צייט פאַרטאָן מיט דער פילאַדעלפיער „אידישע וועלט", ער שרייבט, ער העלפט די באַלעבאַטים מאַכן פלענער, דורכפירן פאַרשיידענע פאַרזוכן אַלץ מיט דער כוונה אַוועקצושטעלן די צייטונג אויף די פיס אַזוי, אַז זי זאָל ווערן אַן ערשטראַנגיקע צייטונג, קענען פאַרנעמען אַן אויבנאָן־פּלאַץ אין דער צייטונגס־וועלט אין ניו־יאָרק און אין פילאַדעלפיע זאָל בלייבן בלויז אַן אָפּטיילונג פון איר.

קיין שכירות האָט ער ניט געקראָגן רעגלמעסיק. אַזוי אַז עס איז ניט געווען מיט וואָס צו צאָלן קיין דירה־געלט, האָט מען מיך און ריווקינס טאָכטער, איוועט, וואָס איז געגאַנגען אין האָנטער קאָלעדזש, אַרויסגעשטעלט פון אונדזער וווינונג. דאָס ביסל מעבל, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, האָב איך אַוועקגעשטעלט אין „סטאָרעדזש". די טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר זיבעצן,

האָב איך איינגעאָרדנט ביי מיין ייִנגערער שוועסטער איוואַ. אַליין האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט זוכן עפּעס אַ צימערל, צו האָבן ווו דעם קאָפּ צוצושפּאַרן. פאַר דריי דאָלער אַ וואָך האָב איך געקראָגן עפּעס אַ „קאַטוך", אַזאַ מין „מקום־מנוחה".

שווערע צייטן טרעטן שווער, אָבער זיי רוקן זיך פאָרט. פיר וואָכן שפּעטער דערהאַלט איך אַ בריוו פון ריווקינען. ער שרייבט מיר: — „דו ווייסט! עס לוינט זיך מיר ניט פּטרן צייט און הוצאות אויף שלעפּן זיך פון פילאַדעלפיע קיין ניו־יאָרק הין און צוריק און זיך שטיקן אין דעם ענגן צימערל".

אַלזאָ, ראָט ער מיר בעסער זיך איינצופּאַקן און צו קומען אויף באַזעצן זיך קיין פילאַדעלפיע.

איך טו עס.

איך קום אַראָפּ מיט מיין גאַנצער באַלעבאַטישקייט, פאַרפאָר גלייך אין רעדאַקציע, דאָס איז דער איינציקער אַדרעס, וואָס איך האָב, לאָז איבער מיינע זאַכן, און אָן לאַנג וואַרטן לאָזן מיר זיך אַרויס זוכן אַ צימער. ריווקין טראָגט זיך פאַרויס, איך האַלט אים קוים נאָך, און פריינד טאַבאַטשניק, וואָס האָט דעמאָלט אויך געאַרבעט אין דער „אידישע וועלט" מיט ריווקינען, שטייט ניט אָפּ. דורכגעשפּאַנט אַ פּאָר גאַסן, נאָך עטלעכע ניט געלונגענע פאַרזוכן, געפינען מיר אַ גאַנץ נישקשהדיקן צימער. שוין מושווה געוואָרן מיט דער באַלעבאָסטע מכוח דעם רענט פאַר אַ חודש. אַלץ איז גוט. אָבער די באַלעבאָסטע שטייט אין פאַרלעגנהייט און וואַרט. פאַרשטיי איך דאָך שוין וואָס עס מיינט, רוף איך אָפּ ריווקינען אָן אַ זייט און זאָג אים שטילערהייט:

— ברוך, גיב איר אָן אַדערויף.

ריווקין גיט אויף מיר אַ קוק מיט חידוש און מיט אַ בייזער שטימע גיט ער מיך אַ פרעג:

— און צוליב וואָס האָב איך געשלעפּט טאַבאַטשניקן אַהער? פאַרשטייסט דען ניט? ער זאָל גוט זאָגן פאַר מיר, און די באַלעבאָסטע זאָל וואַרטן ביז איך וועל קריגן מיין געהאַלט.

פריינט טאַבאַטשניק פאַרזיכערט די באַלעבאָסטע, אַז נאָך די וואָך וועט

ריווקין באַצאָלן פאַר דעם צימער, ווייל ער דאַרף קריגן שכירות פון דער ציַיטונג. ער שפּאָרט ניט קיין ווערטער, און דערציילט דער באַלעבאָסטע וועגן ריווקינס גאַר געהויבענעם פּלאַץ אין דער יידישער ליטעראַטור. בקיצור, עס ווירקט. די באַלעבאָסטע איז ווילּיק צו וואַרטן ביז סוף וואָך.

נו, האָבן מיר שוין אַ „דירה אויף באָרג״.

איצט פּלאָגן מיר זיך שוין ביידע, צוזאַמען אין פריידן און אין ליידן.

די פינאַנציעלע לאַגע פון דער „אידישע וועלט״ איז געווען אַזאַ טרויעריקע, אַז זי פלעגט צאָלן אירע מיטאַרבעטער אומגעפער אַזוי, אַ וואָך געצאָלט, און צוויי וואָכן איבערגעהיפּט. אַזוי אַז די פאַרוואַלטונג איז ריווקינען שוין געווען שולדיק אַ סומע פון דריי הונדערט דאָלאַר.

איך זע דאָך שוין ווו מיר האַלטן דאָ, גיב איך איין מאָל אַ זאָג צו ריווקינען:

— וואָס איז דער תכלית? וואָס וועלן מיר זיך דאָ אויספּלאָגן?

ריווקין פאַרטראַכט זיך אַ פּאָר מינוטן.

ער גייט צו נעענטער צו מיר און שרייט מיר אַריין אין פּנים:

— דו וואָלסט וועלן אין דיין לעבן אָפּגעשפּאָרט דריי הונדערט דאָלאַר? איך האָב דאָך אָפּגעשפּאָרט גאַנצע דריי הונדערט דאָלאַר! דו באַגרייפסט עס גאָרנישט?!

איך קוק אים אָן, באַוווּנדער זיין באַגייסטערונג פאַר זיין גרויסן פינאַנציעלן אויפטו, גיב אים אַ גלעט איבערן קאָפּ און צעלאַך זיך:

— דו גלייבסט נאָך אַלץ אַז זיי וועלן דיר באַצאָלן דעם חוב?

דאָ ווערט ער שוין אין כעס און שרייט אויס:

— וואָס הייסט ניט באַצאָלן! זיי קומען דאָך טאַבאַטשניקן צוויי מאָל אַזוי פיל!

וואָס האָב איך אים געקאָנט אויף דעם ענטפערן?

די ציַיטונג האָט אין אַ קורצער צייט אַרום זיך צוגעמאַכט, און די חובות זיינען טאַקע געבליבן אויף זייערע ביכער.

אָט־אַזוי האָט ריווקין אָפּגעשפּאָרט דריי הונדערט דאָלאַר...

ב. ריווקין — דער מאַן פון בטחון

ה

אַ מילד ווינטל האָט זיך געשאַרט שטיל איבער די שפּיצן פון דיביימער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אָטעמען מיט לעבן. די וועווערקעס האָבן פאַרשייט געגלאַנצט מיט די אויגן, געשפּרונגען אויפן גראָז און באַלד אַ קלעטער געטאָן אויף די צווייגן פון די ביימער, ווי זיי וואָלטן זיך געפרייט מיט דעם אָנקום פון פרילינג.

איך און ריווקין זיצן אויף אַ באַנק אין האַמבאָלדט־פּאַרק אונטער אַ בוים. ס'איז געווען 1934. ריווקין איז אויפגעלייגט. נעמט אַרויס אַ פּאַפּי־ראָס און פאַררייכערט. דער רויך ווערט באַגלייט מיט זיין דינעם שמייכל. נאָך עטלעכע מינוטן טראַכטן, נעמט ער אַרויס אַ צווייטן פּאַפּיראָס און אַזוי רויכערט ער איין פּאַפּיראָסל נאָכן אַנדערן.

אויסגערויכערט דאָס דריטע פּאַפּיראָסל, שיינט ער אויף, ווי אַלע זיינע פּלענער וואָלטן אים איצט קלאָר געוואָרן:

און באַלד ווענדט ער זיך צו מיר:

— דו ווייסט, מינאַ, עס איז גוט, וואָס איך בין אַרויסגעפאָרן פון ניו־יאָרק.

איך ענטפער אים:

— ערגער ווי אין ניו־יאָרק קען דאָך ניט זיין.

ריווקין טוט זיך אַ הייב־אויף און שרייט אויס:

— בעסער ווי אין ניו־יאָרק!

איך שמייכל צו, וואָס ער איז אַזוי באַגייסטערט פון זיין רייזע. הגם ערגעץ ווו האָט זיך ביי מיר פאַרגנבעט אַ נישט־צופרידנקייט מיט ריווקינס אַלע פּראָיעקטן און אָנערקענונגען סיי אין קליוולאַנד און סיי אין שיקאַגע, אָבער זעענדיק ווי ריווקין פרייט זיך, טראַכט איך: פאַר וואָס זאָל איך

פאַרשטערן זיין שמחה? הער איך זיך אויפמערקזאַם צו צו זיינע באַגייסטערטע שילדערונגען פון די דערפאָלגן, וואָס ער האָט געמאַכט אַלס לעקטאָר.

אַז ריווקין האָט פאַרמאָגט אידייען, און האָט אַלע מאָל עפּעס נייעס אַרויסצוברענגען, דאָס האָב איך געוווּסט, און נאָך מער ווי געוווּסט, דערפילט עס ביי מיין ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט אים: זיין שעפערישער גייסט האָט אַראָפּגעשיינט פון זיין הויכן שטערן. אָבער אַז ריווקין קען ווערן אַ דערפאָלגרייכער לעקטאָר, דאָס האָט זיך מיר ניט געגלויבט. ווייל ער האָט געהאַט אַ סך צו זאָגן, איז אים געווען שווער צו קאָנטראָלירן זיינע געדאַנקען. און ער האָט ניט איין מאָל געזאָגט צו מיר, אַז אַפילו ביים שרייבן לויפט די פען ביי אים צו האַסטיק, און ער קען זיך ניט אָפּשטעלן ביז זי שעפּט ניט אויס דעם גאַנצן ענין. און ביים ריידן איז דאָך אַוודאי און אַוודאי געווען אַזוי. און קיין צופרידענער איז ריווקין קיין מאָל ניט געבליבן — ניט נאָך זיינער אַ לעקציע, און ניט אַפילו ביים שרייבן. עס האָט זיך אים אַלע מאָל געדוכט, אַז ער האָט ניט גענוג געזאָגט, ניט גענוג!

נאָך אַ פּאָר מינוט שווייגן זאָגט ריווקין:

— מינאַ, עס איז גוט געווען, וואָס איך בין אַראָפּגעפאָרן קיין קליוולאַנד. איך בין אָנגעקומען פונקט צו דער דערעפענונג פון דער קאָנפערענץ — פאַר זיי אַלעמען גאָר אומגעריכט. און עס איז באמת געווען פאַר זיי אַ פריידיקע איבערראַשונג — דעם זעלביקן טאָג מיט אַ פּאָר שעה פריִער זיינען שוין געהאַט אָנגעקומען לייוויק פון ניו־יאָרק און שאַפּיראָ פון שיקאַגע. איך און לייוויק האָבן געטראָגן די קאָנפערענץ אויף פליגלען, מען האָט מיך מכבד געווען מיט אַ דערעפענונגס־וואָרט און אַ שלוס־וואָרט און מיט אַ רעפעראַט וועגן טעאַטער. און איך אַליין האָב אויך גענומען דאָס וואָרט אַ מאָל זעקס. איך האָב גערעדט מיט היץ און גלאַנץ. הער נאָר, הער! זיי פון דער מיטל־וועסט, זיינען געווען מיינע שאַרפסטע פּראָטעס־טאַנטן צוליב מיין סימפּאַטיע צום לינקיזם, ווען איך האָב רעדאַקטירט „אידיש". איך האָב זיי איצט איבערגעוווּנען. זיי זיינען געוואָרן מיינע איבער־געגעבנסטע פריינד.

פון מיטל־וועסט זיינען געווען אומגעפער זיבעציק דעלעגאַטן, און בסך־הכל צוויי הונדערט און אפשר מער. עס זיינען פאַרטראָטן געווען

שיקאַגע, מילוואָקי, דעטראָיט, גרענד־רעפּידס, קליוולאַנד און פּיטסבורג; קולטור־פאַראיינען, שולן, דראַמאַטישע גרופּן און פּרויען־לייען־קרייזן. און פון אַלעמען האָב איך באַקומען איינלאַדונגען, איך זאָל קומען צו זיי. עס וועלן זיין פאַר מיר צוגעגרייט אָוונטן און לעקציעס.

— שיקאַגע האָט צוגעזאָגט צום מערסטן; דאָ איז דער צענטער פון גאַנצן ראַיאָן מיט צענדליקער מעגלעכקייטן — פון פריִער נאָך, און איצט פון די נייע פריינדלעכע פאַרבינדונגען, וואָס איך האָב מיר געשאַפן. לייוויק איז שוין דאָ געווען און ער האָט פאַר מיר צוגעגרייט אַן אָוונט. די דראַמאַטישע געזעלשאַפט האָט אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג איך זאָל אַרבעטן פאַר איר און העלפן איר מיט רעפּערטואַר. איך מיין, אַז איך וועל מיט איר דורכפירן אַ יידישן פעדזשענט, און אפשר אויך מיינע אַן אייגענע פּיעסע.

— איך בין פול מיט זיכערקייט און גלויבן; אויפן וועג נאָך פאַרנדיק פון פילאַדעלפיע, זיינען אין מיר צייטיק געוואָרן, ווי פון זיך אַליין, מיינע פּלענער; אין קליוולאַנד, רעדנדיק אויף דער קאָנפערענץ פון קולטור־געזעלשאַפט, האָב איך זיי פאָוואָלינקע צוגעגרייט פאַר דעם פּלאַן פון אַלע מיינע פּלענער. און דאָ איז דער ריכטיקער אָרט אָנצוהייבן; פון דאַנעט וועל איך זיך אַרויסלאָזן איבער די שטעט; איך וועל אַרויסרופן אַ כוואַליע פון אַ באַוועגונג, און וועל זי נעמען רוקן אויף ניו־יאָרק.

— דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב זיך אַרויסגעלאָזט מיט דריי דאָלאַר קיין קליוולאַנד, אויף גאָטס באַראָט — אין ריזיקע, מיט אַ גלויבן, און עס האָט מיך ניט אָפּגענאַרט. צום שלוס פון דער קאָנפערענץ האָבן זיי מיר אומגעקערט מיינע הוצאות: פינף און צוואַנציק דאָלאַר!

— מינאָ, איך האָב ווירקלעך אָנגעמאַכט אַ שטורעם דאָ. דאָס זאָגן אַנדערע, ניט איך. און דאָס שענסטע איז, וואָס איך אַרבעט אין גאַנצן אין איינקלאַנג מיט מיינע אידייען, אָפן און אָן שמוגלעריי. און איך האָב נאָך ניט אויסגענוצט אַלע מיינע געלעגנהייטן: ס'וועט זיין נאָך מער!

— גערעדט דריי מאָל; דינסטיק ביי נאַטאַנסאָנען אין הויז — וועגן דער פאַראייניקטער טעאַטער־געזעלשאַפט. דאָנערשטיק פאַר דער נאַטאַנסאָן־באַבינסקי גרופּע וועגן דער באַנייונג פון די ימים־טובים; און פרייטיק פאַר

דער קולטור־געזעלשאַפט — וועגן האַלפּעריןי. הער, מינאַ, זיי טוען אַרבעט, ווירקלעך: אַט האָבן זיי שוין אַראַנזשירט צוויי לעקציעס אויף יאַנואַר, איינע דעם 21טן, און סוף חודש אַ צווייטע. פאַר איין לעקציע האָבן זיי מיר באַצאָלט פופצן דאָלאַר, און זיי אַרבעטן אויס פאַר מיר אַ טור איבערן ראַיאָן; מילוואָקי און גרענד־רעפּידס.

— ווייטער, גרייט זיך דער זשורנאַל „בריקן״ מיט אַ גרויסער לעקציע פאַר מיר — זיי האָבן מיר געשיקט צען דאָלאַר — און די חודש־שריפט „שיקאַגאָ״ האָט באַשטעלט דריי אַרטיקלען, וואָס איך דאַרף צושטעלן ביז דינסטיק — פאַר פינף און צוואַנציק דאָלאַר. זאָגן זאָגט מען מיר, אַז דער רעדאַקטאָר, זאָלאָטאַרעף, זאָגט־צו און באַצאָלט ניט. אָבער ל. שטיין נעמט זיך אונטער אַרויסצוקריגן ביי אים דאָס געלט, אַניט גיט ער ניט די אַרטיקלען, און אַז שטיין זאָגט, איז ווי געטאָן...

— ביי דער נאַטאַנסאָן־באַבינסקי גרופּע האָב איך נאָך מער געפּועלט: איך האָב זיי געוווּנען, און זיי פאַרפּליכטן זיך מיר אַרויסצוגעבן אַ זאַמל־שריפט. און זיי זיינען יידן וואָס קאָנען לייכט שאַפן געלט.

— דאָס איז עס וועגן וואָס איך האָב געחלומט — און עס ווערט מקוים.

— — — — — — — — — — — — —

דער סך־הכל פון די „גליקן״:

נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר פון שווערער אַרבעט אין שיקאַגאָ האָט ריווקין ניט געהאַט אויף רייזע־קאָסטן צו קומען צוריק קיין ניו־יאָרק.

אַ וויכוח צווישן פינף שרייבער

ו

1936. אַ פרייטיק־נאָכמיטאָג. ריווקין און איך זיצן אין קאַפע ראָיאַל ביי אַ טישל, ריווקין טוט אַ רוק־אַרויף די דיקע ברילן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגערוקט נענטער צום שפּיץ נאָז, און וואַרפט אַ בליק צו די אַרומיקע טישלעך, אַרום וועלכע עס זיינען געזעסן עלטערע שוישפּילער, פּרויען און מענער. צווישן זיי האָבן זיך דורכגעוואָרפן עטלעכע יונגערע שרייבער.

באַלד קומט אַריין נח נאַכבוש. נאָך אויפן שוועל שרייט ער אויס: האַלאָ, ריווקין! נאַכבוש ווי אַלעמאַל מיט אַ שמייכל אויף זיין פּנים דערנענטערט זיך צו אונדזער טישל און פרעגט גוטמוטיק:

— וואָס מאַכט איר, ריווקין?

ריווקין דרייט אויס דעם קאָפּ צו מיר, ווי מיט פאַרדרוס: גיי דערציילן זיי וואָס איך מאַך. צום טייוול! אַלע מיט דער זעלביקער חכמה: ריווקין, וואָס מאַכט איר?

נאַכבוש: ריווקין, לאָמיר אַרויף צו ל. שאַפּיראָ. ער איז ניט געזונט.

ריווקין טוט אַ כאַפּ זיין פּאַק מיט צייטונגען פון טיש אין איין האַנט, און דעם הוט אין דער צווייטער, ווענדט ער זיך צו נאַכבושן און צו מיר:

— קומט, לאָמיר גיין אים געזונט מאַכן.

ל. שאַפּיראָ האָט דאַן געוווינט אויף סעקטאָר עווענין. טאַקע ניט ווייט פון קאַפע ראָיאַל, אין אַ שיינער גרויסער געביידע, מיט צוויי ברייטע גלעזערנע טירן.

ביים אַריינגאַנג בין איך געבליבן שטיין אַ פּאָר מינוט אַ פאַרווונדערטע: ווי קומט צו אַ יידישן שרייבער צו וווינען אין אַזאַ שיין הויז? און איך ווענד זיך מיט דער פראַגע צו ריווקינען.

ריוואָקין ענטפערט: מיין קינד, מיין קינד! מיר וועלן נאָך וווינען אין אַ שענערער דירה, און טאָקע אין גיכן. דו וועסט זען.

דער עלעווייטאָר האָט אונדז אַרויפגעפירט אויף דעם פערטן אָדער פינפטן שטאָק.

נאַכבוש גייט אַרויס דער ערשטער פון דעם „קעסטל", ווי איך פלעג עס רופן. ער קלאַפּט אָן אין ל. שאַפּיראָס טיר. שאַפּיראָ עפנט. נאַכבוש ווענדט זיך צו אים:

— שאַפּיראָ, איך פיר אייך געסט!

ריוואָקין פאַלט אים אַריין אין די רייד.

— מיר זענען געקומען אייך געזונט מאַכן.

דאָס גאַנצע צימער איז אָרעם מעבלירט, אַ שרייבטישל לעבן ברייטן פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו דער צווייטער עוועניו. ביי דער וואַנט אַ בעטל צום שלאָפן. ביי אַ טישל אַ פּאָר שטולן צום זיצן. אין אַ ווינקל פון צימער האָט געשוואַרצט אַן אייוועלע צום קאָכן.

שאַפּיראָ האַלב קראַנק, האַלב געזונט, אַן אָפּגעצערטער. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער קימערט זיך ניט פאַר זיין גוף, נאָר פאַר דער נשמה.

שאַפּיראָ: ריוואָקין, וואָס ווילט איר, קאַווע אָדער אַ ביסל משקה?

ריוואָקין: איר האָט וואָס צובייסן?

— קאָלבאַסע ווילט איר?

ריוואָקין האָט זיך צעשמייכלט: גיט אַהער!

שאַפּיראָ טראָגט צו דריי גלעזלעך, ווי עס ווייזט אויס, האָט ער מער ניט געהאַט, און אַ האַלבע קאָלבאַסע, לייגט זי אַוועק אויף אַ טעלער, גיסט אָן די גלעזלעך משקה: — לחיים! ריוואָקין, שאַפּיראָ און נאַכבוש ליידיקן אויס די גלעזלעך. נאָך דעם ערשטן גלעזעלע דערפילט זיך שאַפּיראָ לעבעדיק און מונטער.

ריוואָקין: קומט, שאַפּיראָ, אויף איסט-בראָדוויי אין מילערס קאַפע.

שאַפּיראָ, אָן אַ הוט, אָן אַ מאַנטל, לאָזט זיך צו דער טיר: קומט.

מיר גייען אַרונטער, נעמען אַן אויטאָבוס, און אָט זיינען מיר שוין דאָרט. מיר זעצן זיך לעבן אַ טישל, און טרינקען קאַווע.

לייוויק קומט אַריין אין קאַפע און גייט צו צו אונדזער טישל, ער שטרעקט אויס זיין האַנט ריווקינען. ריווקין האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, ברומט, ווי ער וואָלט עפּעס סודותדיקס געוואָלט אַנטפּלעקן אין טעפּעלע קאַווע, און מערקט ניט לייוויקס האַנט, וואָס האָט זיך איבערן טישל געצויגן צו אים.

איך מאַך ריווקינען אויפמערקזאַם: לייוויק גיט דיר אַ האַנט.

ריווקין האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און ווי אַ שולדיקער געשמייכלט פאַטערלעך צו לייוויקן. לייוויק האָט די האַנט שעמעוודיק צוריקגעצויגן און שטיל אונטערגעמורמלט: נו גוט, נו גוט...

ש. צ. זעצער, נאָך אים אבא גאָרדין קומען אַריין און זעצן זיך לעבן אונדז.

ריווקין איז אומרויִק געוואָרן, ער רויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן. און עס פאַרבינדט זיך אַ געשפּרעך, דעם אינהאַלט גיב איך דאָ איבער ווי עס איז פאַרנאָטירט געוואָרן אין ריווקינס נאָטיץ־בוך:

אבא גאָרדין: צוריק צו די נביאים! דאָס דאַרף זיין אונדזער רוף און אויסרוף.

ריווקין: צוריק צו די נביאים! וואָס מיינט איר צוריק צו די נביאים?

אבא גאָרדין: אָ־דאָס מיין איך: מען דאַרף איינפלאַנצן אין סאָציאַלן לעבן די דערהויבענע אַספּיראַציעס פון אונדזערע פּראָפעטן, פאַרקערפּערן אין סאַמע געביין פון די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס די באַשטרעבונגען פון די פאַרצייטיקע יידישע טרוימער און זעער. און אַזוי אַרום וועלן מיר העלפן איבערגעשטאַלטיקן די צורה פון דער גאַנצער געמיינזאַמקייט, ענדערן דעם אויסזען פון קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן. ווי אויך, צום סוף, איבערפורעמען דעם גאַנצן פיר פון דער וועלט, מאָדעלירן די קאָסמאָס־הנהגה לויט די מוסטערן געשאַפן פון די נביאים. מיט איין וואָרט: פאַר־וואַנדלען דעם באַשאַף און באַשטאַנד אין אַן אויסגעהאַלטן עטישן סיסטעם, וואָס דאָס איז דער צוזאָג פון יידישער נבואה.

ריווקין: איר רעדט צו אַבסטראַקט, מען דאַרף דעם יידישן עולם געבן קאָנקרעטע זאַכן.

אבא גאָרדין: אָט־דאָס, ריווקין, איז טאַקע אונדזער אויפגאַבע: מיר

דאַרפֿן מאַכן באַקאַנט און צוגענגלעך צו די השגות פֿון דעם הייַנטיקן ייִדן און מענטשן די אידעאַלן פֿון די ייִדישע נביאים, ריכטיק אויסטייַטשן זייערע אידייען, און דורך דעם דערנענטערן די שעה פֿון דער פֿאַרווירקלע־כונג פֿון זייערע באַגייסטערטע פֿאַרויסזאָגונגען. בקיצור, מיר דאַרפֿן זיך באַמיִען צו זאָגן אויף אַ מאָדערנעם לשון, אין אָנגענומענע פֿאַרשטענדלעכע טערמינען, וואָס באַטייט דעם נביאס „אחרית הימים״. און דעמאָלט וועלן די מאַסן זען, ווי פֿאַרבלאָזט, נעבעכדיק, מינימאַל עס קוקן אויס די מאַקסימום־פּראָגראַמען פֿון די ראַדיקאַלסטע פּאַרטייען פֿון אונדזער צייַט.

ריווקין: איר רעדט און רעדט טרוקענע קאָפּ־ און מוח־רייד. די פֿראַגע שטייט פֿאַר אונדז קאָנקרעט: ניט וואָס מיר האָבן געטאָן, נאָר וואָס דאַרפֿן מיר איצט טאָן. אויב גייען צוריק צו די נביאים, דאַרפֿן מיר געשטאַלט־געבער ווערן און אויספֿורעמען אַ נייעם מענטשן בצלם אלקים. אַזוי האָבן געטאָן די נביאים: זיי זייַנען קינסטלער־שפּילער געווען אויף זעונגען און געשטאַלטן. קינסטלער־שפּילער אין דעם גרויסן ייִדישן זין פֿון וואָרט: מענטשן־באַשאַפֿער. וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן אָבער און ווידער דאָס פֿאָלק באַשאַפֿן און איבערגעשאַפֿן; אָט איז מעשה־בראשית, און אָט איז מתן־תורה. פֿון יעדן אומגליק, פֿון יעדן חורבן האָבן זיי אַ זעונג אַרויסגע־קראָגן, און דאָס פֿאָלק פֿאַר די הערצער אַרייַנגעצויגן אין דער זעונג, ביז זיי האָבן אָנגעצונדן די זעונג פֿון משיחס צייַטן און משיחן.

אויף גלויבן און האָפֿענונג האָבן זיך געטראָגן די ייִדישע דורות זינט דעם גרויען באַגינען פֿון אונדזער פֿאָלק. דאָס וואָרט משיח איז אָנגעלאָדן מיט אַ געהיימער קראַפֿט, וואָס האָט געטריבן די רעדער פֿון דער ייִדישער געשיכטע און אַרויסגעגעבן אַ ליכט, וואָס האָט באַלויכטן דעם פֿינצטערן גלות־וועג. די פֿראַגע איז: וואָס זאָל אונדזער ענטפֿער זייַן הייַנט צו טאָג? קאָנקרעטע מעשים דאַרפֿן מיר!

אבא גאָרדין: איר ווילט קאָנקרעט? אָט האָט איר עס: די אַרבעט פֿון דעם ייִדישן ייִדן, פֿון דעם ייִדישן ראַדיקאַל דאַרף באַשטיין אין דעם, וואָס ער וועט זען צו גרינדן אַן עטישן אַלוועלטלעכן ייִדן־פֿאַרבאַנד, שאַפֿן אַ „גוי־קדוש״, אַ פֿאָלק וואָס באַזירט זייַן געמיינדע־לעבן אויף עטישע יסודות. מיר דאַרפֿן איבעראָנייס אויפֿבויען דאָס ייִדישע הויז, רעסטאַווּרירן

דעם בית־המדרש אין דעם יידישן פּריוויליקן בית־דין, מיט איין וואָרט, שאַפן אַ ראַדיקאַל־יידישקייט לויט דעם מוסטער פון יבנה מיט אירע חכמים...

ליוויק: מיר זיינען יידישע שרייבער און דיכטער. פּאָליטישע ענינים זיינען ניט אונדזער געביט. אונדזער אויפגאַבע איז צו טראָגן דאָס יידישע וואָרט, שאַפן אַ יידישע ליטעראַטור, וואָס זאָל דערהויבן אונדזער יידיש לעבן, מיר האָבן איין כלי־זיין און דאָס איז אונדזער וואָרט, אונדזערע פּאָעטישע זעונגען. מיר דאַרפן זיך פאַרטיפן אין אונדזער געמיט, זיך וואַכזאַם צוהערן צו אונדזער אינעווייניקסטן קול. און אָפּגעהיט דאַרפן מיר זיין; און שרייבן ניט מער ווי וועגן עיקר־זאַכן, דער בויטיקסטער עיקר איז דער קיום פון אונדזער פאָלק. און בצימצום זאָל זיין אונדזער וואָרט, און געלייטערט און געהייליקט. אַזוי אַז עס זאָל זיך אַריינדרינגען אין מאַרגן אַריין, און פון מאָרגן צוריק אין היינט אַריין. דאָ ליגט אונדזער גבורה: אין אונדזער וואָרט.

ריווקין: ליטעראַטור אַליין איז ניט גענוג. מיר דאַרפן אויסשמידן אַ געווער צו אָפּענטפערן דער וועלט. דער ייד איז פון טויזנט יאָר געווינט געווען אַנצושפּאַרן זיך מיטן קאָפּ אויפן ספר. פון ספר האָט ער דערוואָרט ער זאָל אים געבן אַ לעבנס־אינהאַלט. און ניט בלויז אונטערהאַלט.

ש. צ. זעצער: זיי מיינען אַז פּאָעזיע איז אַלץ. אידייען זיינען שעפעריי־רישער. אין די נביאים האָט געלעבט דאָס טיפע באַוווסטזיין, אַז דער געניוס פון יידישן פאָלק דאַרף ניט זוכן דאָס פעלד פאַר זיין התגלות, פאַר זיין שאַפנדיקער קראַפט איבער די וועגן, וואָס פירן צו גרויסער פּאָליטישער מאַכט, נאָר איבער די וועגן וואָס פירן צו דערהויבענעם גייסטיקן לעבן, אַז די אַמביציעס און שטרעבונגען פון יידישן פאָלק דאַרפן ניט זיין צו ווערן אַ גרויסע און שטאַרקע אימפּעריאַליסטישע מלוכה, נאָר צו זיין אַ ממלכת כהנים וגוי קדוש. ניט צו זיין אַ שרעק פאַר די פעלקער — דאַרפן די יידן שטרעבן, נאָר אַן אור לגוים, אַ ליכט פאַר די פעלקער, אַ גייסטיקן מוסטער געבן. זייער אַמביציע דאַרף ניט זיין צו באַהערשן די וועלט דורך אייזן און בלוט, נאָר דורך זייער גרויסער קולטור, דורך זייערע עטישע אידעאַלן און פירונגען.

די נביאים האָבן געוווסט, אַז די גרעסטע אָנשטרענגונגען פון יידישן פאָלק צו ווערן אַ גרויסע פּאָליטישע מאַכט וועלן מוזן זיין אַ דורכפאַל, אַז זיי וועלן אויף דעם וועג פאַרשווענדן זייער ענערגיע אומזיסט און אומנישט, בעת זייער אָנשטרענגונג צו ווערן אַ גוי קדוש קען געקרוינט ווערן מיט דעם גרעסטן דערפאָלג. אויף דעם געביט פון גייסט און מאָראַל קענען די יידן דערגרייכן די העכסטע שלימות.

ל. שאַפּיראָ: מיך לאָזט שרייבן מיינע ווערק. פּאָליטיקער, וואָס ווענדן זיך צו די מאַסן, זאָלן טאָן דאָס זייעריקע, דערפילן דעם געבאָט פון טאָג און נאָכקומען דעם ווונטש פון די מאַסן. מיר זיינען קינסטלער, און די אויפגאַבע פון קונסט איז צו געפינען אין דעם געוויינלעכן לעבן דאָס אומגעוויינלעכע, צו אַנטפּלעקן דעם טיפן זין און אמת פון לעבן.

שטריכן צו אַ פּאָרטרעט

ז

ריווקין זיצט אין צימער ביי זיין אַרבעטס־טיש. אין צימער איז שטיל. ריווקין איז פאַרטאָן אין זיינע נאָטיצן. און פּלוצלונג אַ געריוש אין צימער, הין און צוריק שפּאַנט ער איבערן צימער, און מיט דער האַנט שאַרט ריווקין אַראָפּ די האָר פון קאָפּ. ער וויגט זיך ווי אַ שיף אויפן ים.

איך לויף אַריין צו אים אין צימער.

— ריווקין, וואָס האָט פּאַסירט?

ער ענטפערט מיר ניט, און פּלוצלונג שרייט ער אויס:

— איך האָב פאַרלוירן אַ געדאַנק!

יאָגט זיך ריווקין איבערן צימער כאַפּן דעם געדאַנק. ס׳געפעלט מיר ריווקינס יאָגן זיך נאָכן געדאַנק. איך גיי אַרויס מיט אַ שמייכל. אין אַ ווײַלע אַרום ריווקין רופט מיך:

— קום אַהער! קום אַהער!

איך גיי ניט אַריין, נאָר לויף אַריין. ריווקין לויפט מיר אַנטקעגן און שרייט אויס:

— איך האָב אים.

זיין פּנים האָט זיך צעשטראַלט ווי ביי אַ קינד, וואָס פאַרלירט עפּעס און פרייט זיך ווען ער געפינט עס. בכלל האָט ריווקין פיינט געהאַט צו פאַרלירן עפּעס, אַפילו די קלענסטע זאַך. האָט ער, צום ביישפּיל, ערגעץ איבערגעלאָזן אַ בליישטיפט אָדער אַ העפטל פּאַפּיר אין ווערט פון פינף סענט, פלעגט ריווקין אויסגעבן צען סענט אויפן פאָרן, און אַ האַלבן טאָג צוגאָב, אָבער ער פלעגט עס אָפּזוכן און ברענגען אַהיים. און דאַן ערשט האָט ריווקין זיך באַרויִקט.

דער פאַרלוסט, דער פאַקט גופא, האָט אים געמאַכט אומרויִק. און אַזוי לגבי אַ סך זאַכן. אַ שערעלע, אַלץ וואָס האָט, כאָטש אומדירעקט באַלאַנגט צו זיין אַרבעט־שטייגער, איז געווען ביי ריווקינען זייער אָנגעלייגט, ווערטפול.

אַ מאָל פלעגט זיך אים אויסדאַכטן, אַז איך האָב אַרויסגעוואָרפן אַ קעסטעלע מיט שוועבעלעך, נאָך ניט קיין אויסגענוצטס. האָט עס אים ניט געלאָזט רוען און געשטערט צו אַרבעטן. האָט ער געוואָרפן די אַרבעט און געזוכט און געזוכט, ביז ער האָט דאָס קעסטעלע געפונען און מיט די אייגענע אויגן געזען, אַז קיין שוועבעלע איז שוין דאָרט ניט געווען. און אַזוי אויך מיט אַנדערע זאַכן.

*

ניט לאַנג פאַר זיין אַוועקגיין פון אונדז, לאָזט זיך אַוועק ריווקין אין שטאָט אַריין. ער געזעגנט זיך מיט מיר און גייט אַוועק. ס׳נעמט ניט לאַנג און ער קומט צוריק. די אויגן אַראָפּגעלאָזט. איך פרעג:

— וואָס האָט פּאַסירט?

ענטפערט ער מיר מיט אַזאַ קינדערשער שולדיקייט:

— דער באַן האָט ביי מיר אַראָפּגעכאַפּט דעם הוט.

רוף איך זיך אָפּ (ווי יעדע פרוי וואָלט מסתם געענטפערט):

— וואָס עס האָט געזאָלט זיין דיר, זאָל אויסגיין צום הוט!

אָבער ריווקינען האָט עס באַאומרויִקט: וואָס הייסט? דער באַן איז טאַקע אַזאַ גרויזאַמער — אונטערכאַפּן ביי אים דעם הוט!? — איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ריווקין האָט מסתמא קיין געדולד ניט געהאַט צו וואַרטן ביז דער צוג וועט קומען, האָט ער זיך איינגעבויגן, און מיט די אויגן געוואָלט אונטער־יאָגן דעם באַן. נו, פאַרשטייט זיך, דער באַן איז נאָך זייער גוט געווען צו ריווקינען, וואָס ער האָט בלויז אַראָפּגעכאַפּט ריווקינס הוט און איבערגעלאָזן ריווקינען אויף דער פּלאַטפאָרמע...

*

איך פלעג ריווקינען, צייטנווייז, ווען איבערצייגן, אַז ווען מ׳גיט זיך אַוועק אומזיסט, שאַצן עס מענטשן ניט אָפּ. ריווקינס ענטפער איז געווען:

— וואָס איך מיין אויף אַן אמת, טו איך עס, ווייל עס איז אַן אמת,

ווען מען באַצאָלט דערפאַר, וואָלט עס שוין ניט געווען „גוטאָן אויף אַן אמת״. צווייטנס, האָב איך קיינעם ניט געלאָזט אָנזאַמלען קיין כבוד, און קיינער האָט ביי מיר קיין כבוד ניט געקאָנט פאַרדינען. ניט איך זוך כבוד און ניט איך מאָן כבוד. איך וואַרט ניט, מ׳זאָל מיר אַנטקעגנטראָגן דעם „גוט־מאָרגן!״. און ווען ס׳פאַלט מיר איין זאָגן „גוט־מאָרגן!״, ווען כ׳זע, אַז איינעם פאַלט שווער דער „גוט־מאָרגן״, טראָג איך אים די באַגריסונג אַנטקעגן. איך וואַרט ניט אויף כבוד מען זאָל מיך איינלאַדן. ווען עס פאַלט מיר איין, קום איך. קאָן מען טאַקע קיין ריכטיקע צערעמאָניעס פאַר מיר ניט מאַכן.

אָבער איך טענה פאָרט צו ריווקינען, אַז אַזוי קאָן מען זיך ניט האַלטן. ריווקין ענטפערט:

— מען דאַרף ניט זיין שאָקלדיק. מען דאַרף קענען שטיין פעסט אויף די פיס, מען דאַרף האָבן אויסדויער. מען דאַרף גלויבן! דאָס איז אונדז ביידן אָ „טעסט״, אַן עקזאַמען געגעבן געוואָרן — מיר זאָלן אויסהאַלטן, אויסדויער און צוטרויען, און גלויבן, גלויבן; דעמאָלט ערשט וועלן מיר האָבן אונדזער באַלוינונג פאַרדינט. מען דאַרף קענען ריזיקירן, אַבי נאָר פון נשמה־חורבן אויסגעהיט צו ווערן.

— די ערשטע ריזיקע־טריט האָסטו געמאַכט, זאָגט ער צו מיר ווייטער, איצט דאַרפסטו זיך ווייטער איבן אין ריזיקע און אמונה צוזאַמען מיט מיר. ערשט אויף אַזאַ אופן קריגט מען צו אינערלעכע וואָג און ווערט, טיפע קוואַליטעט. אָ נשמה־חלום איז ניט בלויז אָ דינע פלעווקע אויף דער אויבערפלאַך פון דער נשמה. מען דאַרף זיך נאָר קענען האַלטן, וועלן דאַן שוין זאַכן מקוים ווערן, און די מאַטעריעלע אומשטענדן שפּילן אויך צו.

— הערסט, מינאָ, לערן זיך, איב דיין נשמה־אמונה אין גלויבן!

✶

ריווקין האָט געהאַט אַן אומגעהויער ערנסטע באַציִונג צו מענטשן אָדער צייטונגען, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך גלויבן, אידעאַלן. איך וויל דאָ איבערגעבן אין קורצן ריווקינס באַציִונג צו דער „פרייע אַרבעטער שטימע״. געהאַלט האָט ריווקין, אַז דער אַנאַרכיזם האָט אַזעלכע זאַמען, וואָס קענען דינען צו לעבנס־באַפרוכפערונג און גייסטיקער עשירות — וויטאַמינען

אַזעלכע, וואָס האָבן בכוח צו טרייבן פאָרויס אַלע אינדיווידועלע און געזעלשאַפטלעכע לעבנס־פּראָצעסן. איך פלעג אים אַ מאָל שטעלן אַזאַ פראַגע:

— וואָס טוט אויף דער אַנאַרכיזם?

— ס׳זיינען פאַראַן — ענטפערט מיר דערויף ריווקין — נויטיקע יידישע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבעס, וואָס דער אַנאַרכיזם וואָלט געקאָנט זיי אויפהייבן און מאַכן זיי גיין אַ גאַנג, און דערצו האָט נאָך דער אַנאַרכיסט מעלות: מען קאָן אים מאַכן פאַר אַ צדיק.

און אַזוי אויך פלעגט ער מיט וואַרעמקייט זיך פאַרהאַלטן צו אַנדערע צייטשריפטן, וואָס האָבן געדינט אַן אידעאַל. איבערהויפּט האָט ער ניט געקענט בלייבן גלייכגילטיק צו רעוואָלוציאָנערע געשעענישן: דאָס פלעגט אים אַ הייב טאָן אין דער הויך. ער איז שטענדיק געווען גרייט צו שטעלן זיך אין דינסט.

ב. ריווקין ביי דער אַרבעט

ח

ריווקינס בעסטע אַרבעט־צייט איז געווען דריי אַזייגער פאַר טאָג. ביי דער אַרבעט איז ריווקין קיין מאָל ניט געזעסן רויק. עס פלעגט אים עפּעס ווי הייבן פון שטול. ער פלעגט זיך לאָזן גיין אַהין און אַהער איבערן צימער, און האָט זשעסטיקולירט, ווי ער וואָלט אויסגעשפּילט אַ מיסטעריע־זע מעלאָדיע מיט די הענט, אַזוי ווי ער וואָלט אַרויסגעצויגן דורך עפּעס אַ כישוף, געדאַנקען פון זיין מוח און פון זיין גאַנצן מהות. און אַז ער האָט דעם געדאַנק אַרויסגעקראָגן, פלעגט ער אויסשרייען אין דער הויך, ווי אָפּצוגעבן דעם געדאַנק אַ ברוך־הבא...

איך געדענק אַ פאַל, נאָך פון דער צייט ווען מיר זיינען געווען אין שיקאַגאָ. מיר האָבן געוווינט אין אַ „מעבלירטן צימער" אויף קאַליפאָרניאַ־עוועניו. מיט אַ שטאָק נידעריקער האָט געוווינט אַ יונג פּאָרפּאָלק, אַמעריקאַנער געבוירענע. איין פרימאָרגן איז ריווקין געזעסן שטיל, זיך צוגעגרייט צו אַן אַרבעט. ווען ריווקין פלעגט מאַכן נאָטיצן, האָט מען אים ניט געהערט — אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין צימער...

יענעם פרימאָרגן בין איך אַרונטער נאָך צייטונגען. דאָס יונג ווייבל, די אונטערשטע שכנה, באַגעגנט מיך אויפן גאַנעק. מיר באַגריסן זיך. זי פרעגט מיך פאַרוווּנדערט: וואָס איז דער מער מיט מר. ריווקין, ער האָט היינט ניט געדאַווענט? — איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז ריווקינס אַרומגיין איבערן צימער און פלוצלונגדיקע אויסגעשרייען פלעגט זי אַנדערש ניט קאָנען פאַרשטיין ווי נאָר, אַז ריווקין דאַווענט אַלע אינדערפרי.

✱

ריווקינען פלעגן אָנקומען ביכער פון עלטערע און יינגערע שרייבער,

ביכער וואָס האָבן באַדאַרפט קריטיקירט ווערן; אויך ביכער, ווו ס'איז שווער געווען צו געפינען אַ ווערטפּולן וואָרט אָדער געדאַנק. אָבער ריווקין האָט אַלע מאָל געוואָלט העלפן אַ נייעם שרייבער.

ריווקין פלעגט אַ בוך פון אַ יינגערן שרייבער לייענען עטלעכע מאָל. יעדע שורה איז געווען אונטערגעשטראָכן מיט זיין האַנט. ניט איין מאָל פלעגט ער מיר זאָגן, אַז ער ווייסט אויף וואָס פּאַראַ זייט די שורה געפינט זיך.

אַ יונגן שרייבער האָט ריווקין קיין מאָל ניט אַרונטערגעריסן. אָפט מאָל פלעג איך טראַכטן, אַז ריווקין איז ניט גערעכט: פאַר וואָס ניט זאָגן, אַז דער אָדער יענער שרייבער טויג ניט? איך פלעג עס אויך זאָגן ריווקינען. ער פלעגט שמייכלען און ענטפערן — אַ דאַנק דיר. אַ גרויסער אויפטו! איך זוך ביי אים אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן. איך זאָל אים קענען אַ שטויס טאָן, אַ טראָג טאָן אין אַ געוויסער ריכטונג.

און ריווקין פלעגט טאַקע אָוועקגעבן אַ סך צייט אויף אַ בוך פון אַ יונגן שרייבער, וואָס איז אים צוגעשיקט געוואָרן.

*

פּאַסירן פלעגט, אַז ריווקין האָט ניט געפונען (אין אַ בוך פון אַ יונגן שרייבער) עפּעס ווערטפולס. פלעגט ער, אַן אויפגערעגטער, אַריינלויפן צו מיר מיט אַ געשריי: „אַנשיקענישן! איך דערלייג צו דעם מיין קאָפּ!"

ריווקין גייט אַוועק אין זיין צימער, זעצט זיך ביים שרייבטיש. און דאָ דערהער איך, אַז ער רופט מיך און איך גיי אַריין. אַרום זיין מויל האָט זיך געשנירלט אַ גוטמוטיקער שמייכל. ריווקין זאָגט צו מיר: „קום אַהער: דו פאַרשטייסט, איך נעם זיינע קליינע געדאַנקען און צעאַרבעט זיי. מאַך זיי גרויס, ווייז ווי מ'קען פון קליינע געדאַנקען מאַכן גרויסע".

דאָ ווערט ריווקין אין כעס: — צו וואָס זאָל איך עס טאָן? ווי באַלד זיי זיינען קליין, זאָלן זיי בלייבן ווי זיי זיינען! דו ווייסט וואָס איך טו פאַר אַ שרייבער? איך גנבע אַרויס די סעקרעטן פון רעליגיע, און גיב זיי איבער צו די קינסטלערישע שרייבער: דאָרט זיינען פאַראַן נייע אויפטועז. דו ווייסט, דאָס איז אַ נייער וועג, ווי אַזוי מ'קאָן ריידן וועגן רעליגיע צו אומגלויביקע!

דו ווייסט, די צרה מיט אַ סך שרייבער, האַלט איך, קומט דערפון, וואָס זיי זיינען איבערלעך אויסגעלײדיקט געוואָרן פון די אַלטע באַגריפן, און צו די נייע באַגריפן ניט צוגעקומען. דו פאַרשטייסט, מיין גאַנג איז גאָר אַ נייער״.

*

ריווקין טוט זיך אַ הייב פלוצלונג פון שטול און שאַרט מיט דער האַנט די האָר אַראָפּ און אַרויף, און שפּאַנט אַהין און צוריק מיט אַזאַ אימפּעט איבערן צימער, אַז ס׳הייבט מיר זיך אָן אויסוווייזן, אַז די ווענט ציטערן.

און באַלד קומט ריווקין צו מיר:

— זיי רויק, האָב נאָר געדולד! אָט ווי נאָר כ׳וועל פאַרזיכערן כאָטש אויף אַ האַלב יאָר פּרנסה, וועל איך נעמען סיסטעמאַטיש אַרבעטן אויף מיין דראַמע, און אויב מ׳וועט זי אויפפירן, און ס׳וועט זיין אַ דערפאָלג, בין איך אָוועקגעשטעלט.

דו הערסט, מינאַ, ביי מיר זיינען דאָ צוויי שטימונגען: איינע אַ ניכטערע, אַ פאַרזיכטיקע, וואָס הייסט באַאורטיילן אַלץ מיט לאָגיק. זי זאָגט מיר, איך זאָל ניט זיין איבעראײלט, כ׳זאָל אָפּלייגן. אַ צווייטע שטימונג, די בעסערע, איז די שטימונג פון אמונה: דאָס איז אין איינקלאַנג מיט דער פילאָזאָפיע פון מיין בוך „אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע״. עס איז דער גרונט־פּרינציפּ מיינער: צו ריזיקירן אויף אמונה. זאָל נאָר זיין אָן אָנהייב, וועט דאָס איבעריקע שוין קומען, און אַלץ וואָס איך נעם אונטער, וועט זיך לאָזן דערגרייכן צען מאָל שנעלער...

ב. ריווקינס פערזענלעכקייט

ט

כדי צו דערקענען די קאַלירפולע פערזענלעכקייט פון ריווקינען, האָט מען באַדאַרפט לעבן און זיין נאָענט מיט אים אין אַ משך פון יאָרן. ערשט דאַן האָט מען געקאָנט אויפנעמען די קינסטלערישע, ווי אויך די קינדערשע נאַיווע שטריכן פון זיין כאַראַקטער.

ריווקינס גוטמוטיקע נאָכגיביקייט האָט מיך ניט איין מאָל געמאַכט גלייבן, אַז איך קען טאָן מיט אים וואָס איך וויל; און איך האָב טאַקע גענומען אים זאָגן דעות: אַזוי און אַזוי! אָבער דאָס אַלץ בנוגע אויסערלעכע זאַכן: ווי אָנצוטאָן זיך אָדער אויסבינדן ריכטיק דעם שניפּס. און ער, ווי אַ קינד, האָט אַלץ אויסגעפאָלגט.

גאָר אַנדערש אָבער האָט ער רעאַגירט, ווען איך פלעג זיך מישן אין זיינע שרייבערישע ענינים. דאָ פלעגט ער אויפברויזן, ווי דער ים אונטער אַ שטורעם, און שרייען אַזוי, אַז די ווענט האָבן ממש געציטערט.

דער כעס פלעגט ביי ריווקינען לאַנג ניט אָנהאַלטן. אַז ער האָט זיך באַרויִקט, איז ער צוגעקומען צו מיר און שטיל, נאָכגיביק געזאָגט: דו ווייסט, מינאַ? מען קען מיר ניט זאָגן ווי אַזוי איך זאָל שרייבן. איך האָב אידייען, דאַרף איך זוכן אַ וועג ווי זיי דורכצוטראָגן דורך מיינע אַרטיקלען.

איך קוק אויף אים און שווייג. אָבער מיין שוויגן האָט אים באַאומרויִקט. איז ער אַוועק צו זיך אין צימער און געלעגן אַ פּאָר מינוט אויף דער קושעטע, און באַלד נאָך אַ מאָל אַריין צו מיר און אויסגעשריען:

— דיין שוויגן שטערט מיר אין דער אַרבעט. זאָג, וואָס ווילסטו זאָל איך טאָן?

איך קנייטש מיט די אַקסלען, און ענטפער אים:

— איך זאָג דיר דען ווי דו זאָלסט שרייבן? איך האָב געוואָלט מאַכן דיר אויפמערקזאַם אויף דעם, וואָס דו פאַרגעסט, אַז דו ביסט אַ לעבעדיקער מענטש און דאַרפסט דאָך האָבן אויף דער הוצאה; דו אַרבעטסט דאָך אָן באַצאָלט.

ריווקין האָט פאַרשטאַנען, וואָס איך האָב געמיינט, און האָט אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געשעמט, וואָס עס קריכן מיר אין קאָפּ אַזוינע פּראָזאַישע זאַכן, און ער ענטפערט:

— שרעק זיך ניט!

דעם טאָג האָט ריווקין שוין מער ניט געאַרבעט.

ער האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל, גענומען אין האַנט דעם הוט און איז אַוועק.

אַרום פינף אַזייגער איז ריווקין געקומען אַהיים, אַן אומעטיקער. איך פרעג:

— וואָס ביסטו אַזוי אומעטיק?

ער רופט מיך צו צו זיין שרייבטיש, און מיט אַ קינדערשער שולדיקייט זאָגט ער:

— איך דאַרף האָבן צען דאָלאַר.

ריווקין האָט דאַן געאַרבעט אויפן שרייבער־פּראָיעקט. און פאַרדינט דריי און דרייסיק דאָלאַר אַ וואָך. דערהערט, אַז ער וויל צען דאָלאַר, איז מיר קאַלט געוואָרן. אין גאַנצן האָט ער די וואָך מיר געגעבן דריי און צוואַנציק דאָלאַר, בעט ער ביי מיר צען צוריק. דאָס איז געווען אַ זאַך, וואָס ריווקין האָט עס קיין מאָל פריִער ניט געטאָן. אַז איך פלעג אים געבן צוויי דאָלאַר אין קעשענע, פלעגט ער אַ קוק טאָן אויף די צוויי דאָלאַר און שמייכלען, און דערביי זאָגן: זי מאַכט מיך פאַר אַ גביר!

איך וויל אים ניט איבערפרעגן צו וואָס ער דאַרף דאָס געלט. איך נעם אַרויס צען דאָלאַר און גיב אים. ער האָט אָנגעטאָן זיין מאַנטל און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר, און איך באַגלייט אים. ביים צומאַכן די טיר ברומט ריווקין שטיל אַרויס: „גאַרדין האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן דעם חודש דירה־געלט" — און איז אַוועק.

ווי אבא גאַרדין דערציילט מיר איצט, האָט ריווקין אים געבראַכט

פאַרן חודש דירה־געלט, עטלעכע און צוואַנציק דאָלאַר. אָבער ער האָט ביי אים דאָס געלט ניט גענומען. גאָרדין האָט אויך צוגעגעבן, אַז ער האָט ריידנדיק מיט ריווקינען בלויז דערמאָנט, אַז היינט דאַרף ער באַצאָלן דירה־געלט, און ריווקין האָט עס אויסגעטייטשט, אַז ער האָט ניט מיט וואָס צו צאָלן, און ריווקין האָט זיך אָפּגערופן: „איך וועל פרעגן מינאַן". גאָרדין איז געווען טשיקאַווע צו זען צי ריווקין איז טאַקע אַזוי חבריש אים אויסצובאָרגן פאַר אַ חודש דירה־געלט. און אַז ריווקין האָט עס געטאָן, האָט אים גאָרדין שטאַרק באַדאַנקט; זיי האָבן צוזאַמען געגעסן מיטאָג און ריווקין מיט די פאָר דאָלאַר איז אַוועק. ווי איך פאַרשטיי עס איצט, האָט ריווקין דאָס איבעריקע געלט אויסגעלי:ען ביי אַנדערע שרייבער און עס געבראַכט גאָרדינען. דאָס איז געווען אין 1937.

✶

איין מאָל איז ריווקין אַהיימגעקומען עלף אַזייגער אין אָוונט. ער גייט אַריין אין שטוב, שטייט און טוט זיך ניט אויס, האַלט דעם הוט אין דער האַנט און קוקט אַראָפּ צום דיל. דורך די פאַרשלאָסענע ליפּן האָבן זיך געזיפּט אַ פּאָר שטילע ווערטער: גיב מיר צוויי דאָלאַר! איך פרעג ריווקינען, צו וואָס ער דאַרף די צוויי דאָלאַר. ער שווייגט. הגם עס איז געווען סוף וואָך, און איך האָב ניט געהאַט מער ווי צוויי דאָלאַר מיט עפּעס קליינגעלט, גיב איך אים די צוויי דאָלאַר.

ריווקין איז אַוועק. אין אַ שעה אַרום — ריווקין איז דאָ צוריק. איך פרעג אים ניט וואָס ער האָט געטאָן מיט די פּאָר דאָלאַר. איך האָב געמאַכט קאַווע און עפּעס צובייסן און אַריינגערופן ריווקינען אין קיך צו כאַפּן אַ ביס. ריווקין טרינקט די קאַווע און בייסט צו און שמייכלט אונטער.

— דו ווייסט אויף וואָס איך האָב באַדאַרפט די צוויי דאָלאַר? אַן אָרעמע פאַמיליע האָט ניט געהאַט פאַר וואָס צו קויפן אַ פלעשל מילך די קינדער.

איך טראַכט: און איך האָב יאָ פאַר וואָס צו קויפן אַ פלאַש מילך? און באַלד פאַרענטפער איך זיך אַליין די פראַגע: קינדער זיינען בילכער.

ריווקין איז יענע נאַכט געזעסן ביז פאַר טאָג, אָנגעשריבן אַן אַרטיקל און זיך צוגעלייגט, נאָר גלייך נאָך פרישטיק אַוועקגעטראָגן דעם אָנגע־

שריבענעם אַרטיקל אין „אידישער קעמפער״. דער רעדאַקטאָר האָט ריווקינען באַצאָלט אין פאָרויס. מיט אַ שמייכלדיקער מידקייט אין די אויגן איז ריווקין געקומען אַהיים, מיר אָפּגעגעבן דעם צענערל און זיך געלייגט שלאָפֿן.

✶

איך גלייב, אַז עס איז געווען סוף 1937. ריווקין איז שוין געווען אַראָפּ פון שרייבער־פּראָיעקט, ווייל „די קרעאַטיווע גרופּע״ האָט זיך אויפגעלייזט. עס זיינען געבליבן די, וואָס זיינען פאַר דעם געווען אויף „רעליף״.

ריווקין פלעגט אָנשרייבן אַן אַרטיקל און עס אַוועקטראָגן ערגעץ אין אַ זשורנאַל צום פאַרקויפן. אַזוי פלעגן מיר דורכקומען די וואָך. אָבער אויף דירה־געלט איז ניט געווען. דריי חדשים זיינען מיר שוין געווען הינטערשטעליק.

אין אַ פרימאָרגן קלאַפּט מען אָן אין טיר, איך עפן, אַ הויכער מאַן, מיט אַ ברייטן הוט אויפן קאָפּ לאָזט זיך אַריין. מיט ריווקינען האָט ער זיך באַגריסט ווי אַלטע באַקאַנטע.

ער זעצט זיך אויף אַ שטול און הייבט אָן דערציילן ריווקינען, אַז ער האָט אָפּגעדרוקט זיינס אַ דראַמע אין אַ געוויסער פּעריאָדישער שריפט, און די קריטיק האָט עס צו נישט געמאַכט. בעט ער ריווקינען, ער זאָל לייענען זיין דראַמע און שרייבן וועגן איר; אַפילו אַרונטעררייסן, אַבי שרייבן. ער לייגט פאַר ריווקינען פאַר דער אַרבעט צוויי הונדערט דאָלאַר. ריווקין טוט זיך אַ הייב פון שטול, און לויפט צו נאָענט צו דעם שרייבער, און שרייט אויס: איר ווייסט אַז ווען מען באַצאָלט מיר פאַר אַן אַרבעט, זאָגט זיך אָפּ מיין פען צו אַרבעטן. ביי די ווערטער האָט ריווקין זיך געכעסט, אַזש געריסן די האָר פון קאָפּ. דער שרייבער האָט זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט און אַלס שטראָף געמאָנט ביי ריווקינען צען דאָלאַר, וואָס ער האָט ביי אים געבאָרגט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק.

ריווקינס פּנים האָט זיך פאַרענדערט, זיין שטימע געבראָכן.

איך בין צוגעגאַנגען צום שרייבער, וועמעס נאָמען איך וויל ניט דערמאָנען און אים געזאָגט: „קיין צען דאָלאַר האָבן מיר ניט. אָבער איך

נעם זיך אונטער איך אויסצוצאָלן דעם חוב. דאָס מיינט צוויי דאָלאַר א וואָך". ער האָט אָנגענומען מיין פאָרשלאָג. איך מאַך מיט אים אָפּ אויף דאָנערשטיק צוויי אַזייגער בייטאָג אין „קרוסיידער" אויף דער 14טער גאַס. צי איך האָב אים אויסגעצאָלט די גאַנצע סומע, דאָס געדענק איך ניט, אָבער אַ טייל האָב איך זיכער אים אָפּגעגעבן.

ווי אַזוי איך האָב צונויפגעשטעלט
ריוווקינס ביכער

(געלייענט צום אָנדענק־אָוונט, אַראַנזשירט פון „פען־קלוב" דעם 18טן אָקט. 1952)

א

צען יאָר האָב איך געאַרבעט מיט ריוווקינען, עליו־השלום. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין איבערשרייבן אַלע זיינע כתבים אויף דער שרייבמאַשין.

ווען ריוווקין איז אַוועק פון אונדז אין יאָר 1945, האָב איך די שרייבמאַשין פון מיין טיש ניט אַראָפּגענומען. באַלד נאָך „שבעה" האָב איך אונטערגענומען די שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט פון צונויפזאַמלען אַלע זיינע פאַרעפנטלעכטע און נאָך ניט פאַרעפנטלעכטע שריפטן און זיי צונויפגעשטעלט אַזוי, אַז מען זאָל זיי קאָנען אַרויסגעבן אין בוך־פאָרעם.

דאָס ערשטע בוך, וואָס איך האָב צוגעגרייט צום דרוק, איז געווען „יידישע דיכטער אין אַמעריקע", ערשטער באַנד. איך האָב דאָס בוך געבראַכט צו לייוויקן. ער האָט אַ בלעטער געטאָן דאָס ווערק, און ער האָט מיר דערקלערט, אַז מען דאַרף אויסשטעלן די עסייען לויט דעם עלטער פון די פּאָעטן. און מיר האָבן עס גלייך געטאָן. ער האָט אויסגערופן די נעמען פון די דיכטער לויט דער כראָנאָלאָגיע און איך האָב דערלאַנגט ריוווקינס אַרטיקלען וועגן זיי.

דאָס בוך האָט לייוויק איבערגעגעבן דעם פאַרלאַג „ציקאָ", און אַ דאַנק זיין רעקאָמענדאַציע האָט די „ציקאָ" זיך אונטערגענומען אַרויסצוגעבן דאָס ווערק.

לייוויק האָט זיך אויך געווענדעט צו אבא גאָרדין, ער זאָל אָנשרייבן פאַרן בוך אַ קורצע ביאָגראַפיע פון ריוווקינען. איך האָב דערפון ניט געוווּסט. ווען דאָס בוך איז שוין געווען אין גאַנצן אויסגעזעצט, און גאָרדין

האָט זיין אַרבעט נאָך ניט געהאַט צוגעשטעלט, האָט לייוויק מיך אָפּגערופן און געבעטן, אַז איך זאָל צופּאָרן צו גאַרדינען און זען ער זאָל זיך צוויילן און ניט פאַרהאַלטן דאָס דערשיינען פון בוך.

איך האָב עס גלייך געטאָן, און גאַרדינען איבערגעגעבן לייוויקס פאַרלאַנג. גאַרדינס ענטפער איז געווען: זאָל לייוויק באַשטעלן עס ביי עמעצן אַנדערש. איך בין ניט געזונט און קען זיך ניט אָפּגעבן מיט גיין אין ביבליאָטעק און אויסגעפינען דעטאַלן פון ריווקינס לעבנס־געשיכטע.

האָב איך די אַרבעט גענומען אויף זיך, און גאַרדינען צוגעשטעלט די נויטיקע אינפאָרמאַציע, אַזוי אַז דאָס האָט אים פאַרשפּאָרט אַ סך אַרבעט. און אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער טאַקע פאַרטיק געמאַכט דעם קורצן אַרטיקל און אים צוגעשיקט צו לייוויקן. עס איז אַריין אין בוך „יידישע דיכטער אין אַמעריקע" ווי אַ מין אַריינפיר.

אין דער זעלביקער צייט האָב איך זיך פאַרנומען מיט אַ צווייטן בוך און דאָס איז „אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע". דאָס צוזאַמענשטעלן פון אָט־דעם בוך איז מיר אָנגעקומען, פון איין זייט, פיל לייכטער און, פון דער צווייטע, פיל שווערער, הגם דער הויפּטטייל פון בוך אַ „גלויבן פאַר אומגלויביקע" איז געווען אַ גאַנצע אַרבעט, וואָס ריווקין האָט פאַרענדיקט און געהאַט גרייט צו דרוק נאָך אין יאָר 1936. וואָס איך האָב באַדאַרפט טאָן איז בלויז איבערשרייבן. אָבער דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די שוועריקייטן: דאָס איז געווען אַ מאָנאָגראַפיע פון איבער הונדערט זייטן. כדי צו מאַכן אַ בוך פון דריי הונדערט זייטן האָט מען געדאַרפט צוגעבן אַ צאָל עסייען וועגן שרייבער און בלויז וועגן אַזעלכע וואָס האָבן באַהאַנדלט יידישע רעליגיעזע ענינים. אָט־די עסייען האָב איך געמוזט אויסזוכן און אָפּקלייבן פון פאַרשידענע זשורנאַלן.

אַז איך האָב שוין געהאַט פאַרטיק די אַרבעט, האָב איך עס אַוועקגע־טראָגן צו דוד איגנאַטאָוו און אים געמאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז דער „דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור פאָנד" זאָל עס אַרויסגעבן. דוד איגנאַטאָוו האָט דאָס בוך אָנגענומען. מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָב איך אים אָפּגערופן אויס־צוגעפינען צי מען האָט שוין גענומען זעצן דאָס בוך. האָט ער מיך געבעטן אַריבערקומען אין „היאַס". אַז איך בין געקומען האָט ער מיר אָנגעזאָגט די

שלעכטע בשורה, אַז דער „פּאָנד" קען עס ניט אַרויסגעבן. פרעג איך דערשטוינט: — פאַר וואָס? ס'טייטש? איר האָט דאָך עס אָנגענומען! זאָגט איגנאַטאָוו צו מיר אַז אַ שרייבער, וועמעס נאָמען ער האָט ניט געוואָלט אָנרופן, האָט אים אָפּגערופן און אים פאַרזיכערט, אַז דאָס אייגענע בוך זעצט זיך שוין אין „ציקאָ"־פאַרלאַג. אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז עס הייבט זיך ניט אָן, אַז „ציקאָ" האָט ריוואָקינס אַ בוך וועגן פּאָעזיע, און דאָס איז אַ בוך, וואָס באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם פון גלויבן, האָט ער מיין דערקלערונג ניט אָנגענומען, און האָט מיר אומגעקערט דעם מאַנוסקריפּט.

שטייענדיק אַזוי אין פאַרלאָרנקייט, פאַלט מיר איין, אַז איך זאָל זיך ווענדן צו גאָרדינען. איך האָב געוווּסט אַז גאָרדין איז געווען אַ גוטער־פריינד פון ריוואָקינען און איז אויך אַ פריינד פון דוד איגנאַטאָוון, טראַכט איך, אפשר פון דאָרטן וועט קומען די הילף.

בין איך אַוועק צו גאָרדינען מיטן בוך.

אבא גאָרדין האָט מיך געבעטן אים איבערלאָזן דעם מאַנוסקריפּט און ער וועט אַליין זיך שוין זען מיט איגנאַטאָוון און באַזייטיקן די מיספאַרשטענדעניש. ער האָט אויך גענומען אויף זיך דאָס רעדאַקטירן פון ווערק.

איז דאָס בוך דערשינען אין יאָר 1947, אין „דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור פּאָנד", אין אַ פּראַכטפולער אויסגאַבע מיט אַ סך צייכענונגען אַ פּאָר וואָכן פריִער פון די „יידישע דיכטער אין אַמעריקע" וואָס דער „ציקאָ"־פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן.

איך האָב זיך גענומען פאַר נאָך אַ וויכטיק ווערק פון ריוואָקינען, און דאָס איז: „די גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע". צונויפגעשטעלט דאָס בוך, האָב איך גענומען טראַכטן וועגן אַ פאַרלאַג. איז מיר איינגעפאַלן זיך גאָר ווענדן צום „איקוף". שטעלט זיך אַרויס, אַז דער „איקוף"־פאַרלאַג פאַרלאַנגט אַ ספּאָנסער, וואָס זאָל אַריינטראָגן די סומע פון פינף הונדערט דאָלאַר. האָב איך נאָך אַ היפּשער אָנשטרענגונג געקראָגן אַ ספּאָנסער, ריוואָקינס אַ שוואָגער. איז שוין אַלץ גוט? פּאַסירט אַן אומגליק: דער שוואָגער, וואָס האָט געדאַרפט ברענגען דאָס פאַרשפּראָכענע געלט מאָנטיק אין דער פרי, קריגט שבת אַ האַרץ־אַטאַקע און שטאַרבט.

וואָס זאָל איך טאָן? עס איז דאָ אַ געלעגנהייט אַרויסצוגעבן ריווקינס אַ דריטן בוך, אָבער ווו נעמט מען אַזאַ גרויסע סומע? בין איך אַוועק צו מיין שוועסטער און שוואָגער, רבקה און איזידאָר ראָס, און זיי פאַרטרויט מיין ביטערע לאַגע. האָבן זיי געקראָגן אַ „געזעלשאַפט", דאָס מיינט אַ סאָסייעטע, וואָס באָרגט אַ מיטגליד געלט אָן פּראָצענט. אויף זייערן אַ פריינדס גאַראַנטיע האָב איך געקראָגן פינף הונדערט דאָלאַר און זיך פאַרפליכטעט אויסצוצאָלן דעם חוב אין משך פון אַ יאָר. אַזוי אַז איך האָב אַליין געספּאָנסערט דאָס בוך „גרונט-טענדענצן".

באַזאָרגט דאָס דריטע בוך, האָב איך גענומען צונויפשטעלן דאָס פערטע: „קריטישע עסייען וועגן אונדזערע פּראָזאַיִקער"; און גלייכצייטיק האָט זיך אָרגאַניזירט אַ „ב. ריווקין בוך-קאָמיטעט", אין וועלכן יוסף אָפּאַטאָשו האָט געטאָן איבערגעגעבענע אַרבעט.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ סומע פון קאַרגע טויזנט דאָלאַר. אָבער דאָס איז ניט געווען גענוג צו דעקן די הוצאות פון אַרויסגעבן אַ בוך פון דריי הונדערט און צוואַנציק זייטן.

וואָס זאָל מען טאָן? האָב איך פאַרגעלייגט דעם קאָמיטעט איבער-צוגעבן דאָס בוך דעם „איקוף". איך האָב אָבער דעם קאָמיטעט ניט אויסגעזאָגט, אַז דער „איקוף" האָט זיך שוין אונטערגענומען אַרויסצוגעבן ריווקינס אַ בוך און עס האַלט נאָך ווייט פון דערשיינען. דער קאָמיטעט האָט מיין פאָרשלאַג אָנגענומען, און איך האָב אויך דאָס בוך איבערגעגעבן דעם „איקוף".

דערווייל האָב איך פאַרפאַרטיקט צום דרוק ריווקינס מאָנאָגראַפיע „יוסף אָפּאַטאָשוס גאַנג", וואָס איז דערשינען אין אָנהייב 1948 אין גרשון פּאָמעראַנצס עסיי-ביבליאָטעק אין טאָראָנטאָ. עס איז אַ דע-לוקס אויסגאַבע.

דאָס בוך „גרונט-טענדענצן" איז דערשינען אין סוף פון זעלביקן יאָר, דאָס הייסט אין 1948. „אונדזערע פּראָזאַיִקער" — אין יאָר 1951. האָבן מיר פינף ביכער. דאָס זעקסטע בוך, „יידישע יום-טובים", האָב איך אַרויסגעגעבן אויף מיין אייגענעם חשבון. דאָס מיינט פון די ראָיעלטעס, וואָס איך האָב געקראָגן פון די פאַרלעגער, און מיט דער הילף פון „נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד".

*

— דו ווייסט, מינאַ, אין מיר לעבט אַן עקשנות, אַ יידישע עקשנות. איך וועל עס דורכזעצן!

דאָס לעבן האָט מיך פאַרמאַטערט. איך בין דאָך מער ווי אַן עקסטער־ניקל, וואָס זוברעוועט גראַמאַטיקע, האַלט עקזאַמענס און — קלאַפּט אין אַלע טירן. דו מעגסט עס וויסן — איך פיל זיך ווי אַן אויסדערווײילטער פון טויזנטער, אַ בן־יחיד אין אמתן זין פון וואָרט. איך פאַרמאָג פּערזענ־לעכקייט, איך טאָר זיך ניט פאַרשוועכן. לויף איך אַזוי אַרום און מיט אַ מאָל דערשפּיר איך, אַז איך האָב זיך אומגעבראַכט. די פּערזענלעכקייט האָט זיך פאַרמעקט, פון מיר איז שוין קיין זכר ניטאָ. איך בין שוין אַ געשטאָרבענער. איך וואַנדל אַרום מיטן טויט אין דער נשמה. שפּרינג איך אויף, ווער אויסער זיך. איך שפּיי אויף אַלץ און אַנטלויף...

ס׳מוז אָבער זיין אַן אַנדער אויסוועג. איך טאָר ניט אונטערגיין. איך וויל ניט! עפּעס שרייט נאָך אין מיר. די עקשנות, וואָס לעבט אין מיר. און איך וועל עס דורכזעצן!...

באַמ. פון מינאַ באָרדאָ־ריווקין:

אָט די ווערטער האָט ב. ריווקין ז״ל גערעדט פון זיין קראַנקנבעט. מיט טרערן אין די אויגן, מיטן פינגער האָט ער אָנגעוויזן אויף זיין שרייבטיש און געזאָגט: „פערציק יאָר האָרעוואַניע! מיינס אַ בוך וועלן זיי קיין מאָל ניט אַרויסגעבן״...

צו ב. ריווקינס 20סטן יאָרצייט

יא

עס ווילט זיך זאָגן כאָטש אַ פּאָר ווערטער וועגן ריווקינס אידעיִשן איינפלוס און זיין ווירקונג אויף דער יידישער ליטעראַטור.

פיל מאָל האָט ריווקין צו מיר געזאָגט און ממש זיך צעשריען: „איך דאַרף מיינע אידייען ,דורכשמוגלען׳ דורך זייערע קעפּ. זיי זאָגן, אַז דאָס זיינען ביי מיר בליציקע ווערטער און ווייסן ניט, אַז דאָס זיינען אידייען אַריינגעוואָרפענע אין דער יידישער אָפּגעשטאַנענקייט״...

איין מאָל האָט ריווקין אַ זאָג־געטאָן: „זיי טרייבן טריטוויַז אונדזער ליטעראַטור אין קבֿצנות אַריין. אויב מען וועט זיך ניט ראַנגלען, וועלן זיי, מיט דער צייט, זי אַריינשפּאַרן אין אַ דלות־קלעם, פון וועלכן קיין אויסוועג וועט ניט זיין. אָבער, לכל הפחות, גיבן זיי דיר צייט אויף צו ראַנגלען זיך מיט זיי״.

ביים וואָרט ראַנגלען זיך האָט ער זיך אַ שטרעק־געטאָן מיט דער האַנט אין דער הויך ,און אַ גוטמוטיקער שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער זיין פּנים און הויכן שטערן.

ב. ריווקין האָט אין אונדזער ליטעראַטור אַריינגעטייטשט געדאַנקען און אידייען. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ מיטשאַפער און נישט בלויז אַן אָפּשאַצער פון אירע ווערק.

אין יאָר 1944 האָט ריווקין זיך פאַרנומען גאַנץ ברייט. ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו באַהאַנדלען די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, אָנהייבנדיק מיט די קלאַסיקער און אויסלאָזנדיק מיט די „יונגע״; געבן אַ גרינטלעכע קריטישע אָפּשאַצונג סיי פון פּאָעטישע, סיי פון דערציילערישע און עסייאיסטישע אַרבעטן. און געוואָלט האָט ריווקין, אַז אַלע זייערע יצירות

זאָלן ליגן אין זיין צימער, פאַר זיינע אויגן. האָב איך אַרויסגענומען אַלע נייטיקע ביכער פון די שראַנקען און געהאָלפן אים זיי איינאָרדענען אין דער ריכטיקער אָרדענונג, לויט די יאָרן. פון די שרייבער, וואָס האָבן נאָך קיין ביכער ניט אַרויסגעגעבן, האָב איך מיט אים געזאַמלט זייערע לידער, עסייען, אַרויסגעשניטן פון זשורנאַלן, צייטונגען. געהאָלפן אים זיי אויס־קלעפּן אַזוי, אַז ער האָט אַלץ געהאַט אונטער דער האַנט.

„די ליטעראַטור האָט פאָרויסגעזען די קאַטאַסטראָפע" — דאָס איז געווען דער אַריינפיר צום דריטן טייל „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע".

גלייך פון די ערשטע שורות פילט מען שוין ריווקינס שעפערישן איינפלוס, ווי ער אָטעמט לעבעדיק אין און צווישן די שורות.

ב. ריווקין איז נישט געווען קיין רעליגיעזער שרייבער. אמת, ער האָט געהאַלטן, אַז אַ מענטש, אַ פאָלק, קען זיך ניט האַלטן אויף אַבסטראַקטע אויסגעליידיקטקייטן. כדי אַ פאָלק אָדער אַ מענטש זאָל קענען געדייען דאַרף מען אין אים איינפלאַנצן, אָנשפּייזן אים מיט אַ גלויבן. ב. ריווקין האָט אָבער ניט געגלויבט אין גיין אין שול און מיט דעם דעמאָנסטרירן זיין יידישקייט. אין זיין בוך „אַ גלויבן פאַר ניט גלויביקע" זאָגט ב. ריווקין: „אין דעם יידישן גאָט־באַגריף איז פאַראַן אַן אידעלער פּונקט, וואָס דאַרף פאָרזיכטיק באַהאַנדלט ווערן: יידן האָבן פון גאָט דעם אֵין־סוף אַרויסגעשיילט פאַר זיך אַ נאַציאָנאַל־יידישע גאָט־געשטאַלט — אַן אלהים. ערשט דורך זיין נאַציאָנאַל יידישער געשטאַלט האָט דער אֵין־סוף זיך אַנטפּלעקט צו יידן. דערמיט האָט די יידישע געשיכטע זיך דאָך אָנגע־הויבן. ווען גאָט האָט זיך באַוויזן צו אברהמען און געשלאָסן מיט אים דעם ברית, האָט ער גלייך גענומען אויף זיך אַ נדר צו מאַכן זיינע קינדער און קינדס־קינדער פאַר אַ גרויס פאָלק, אַריינצופירן זיי אין כנען, וואָס דאָס וועט זיין ארץ־ישראל, און פון אברהמען האָט ער גענומען אַ שבועה, אַז ער און זיינע קינדער און קינדס־קינדער זאָלן צו קיין אַנדער גאָט ניט דינען אויסער אים. אלהים וועט זיין דער גאָט פון ישראל. דערמיט האָט גאָט אֵין־סוף זיך דערקלערט פאַר דעם יידיש־נאַציאָנאַלן גאָט".

און אַזוי און נאָך מער איז עס געווען אין דעם ארץ־ישראל־פּעריאָד.

אלהים האָט געפּירט זיינע מלחמות, געשיצט אים קעגן זיינע מעכטיקע באַלאַגערער, און כדי צו פאַרשטאַרקן זיין ווידערשטאַנד און צו באַוואָרענען אים קעגן מפּלות, האָט ער אים דערלאַנגט אַ משיח־געשטאַלט, וואָס האָט צו נישט געמאַכט אַלע מפּלות און קאַטאַסטראָפעס.

און אַזוי און נאָך מער איז עס געווען דורך צוויי טויזנט יאָר גלות. דאָס האַלטן זיך אָן דער אלהים־געשטאַלט האָט אים אָנגעגורט מיט בטחון אין דעם ענדגילטיקן נצחון איבער אַלע שונאים דורכן קומען פון אַ משיח, אַ דערלייזער.

די שונאים וועלן בלייבן הילפסלאָז. וועלן אַליין אויסגעלייזט ווערן צוזאַמען מיט די יידן. איז דאָס געווען אַ רעליגיע פון גלות, אַ נאַציאָנאַלער פילאָזאָפישער ענין, אָבער ניט געמאַכטע פרומקייט.

געקליבענע לידער

אַ תּפֿילה

ניט אַן אביון איז געקומען נאָך שוץ —
ס׳איז געקומען אַן אורח, אַ גאַסט, אַ גביר.
איך טראָג אַ זאַק מיט אוצרות פֿון גוטס.
גאָט, עפֿן פֿאַר מיר דיין פֿאַרשלאָסענע טיר.

עשירות געזאַמלט פֿון אָרעמע שטיבער —
גאָלד פֿון מיין האַרצן, דעם דימענט פֿון גלויבן.
איך שלעפּ זיך פֿון לאַנג שוין דורך מיין פֿאָלקס לעבנסגריבער,
דורך חושך, דורך הײלן, דורך ווירבל, דורך שטויבן.

אַ מעסער מיין וועג... מ׳שניידט מיין האַרץ מיר אויף שטיקער.
די שיין פֿון די שטערן נאָך ניט אויסגעזויגן.
מיט פּיינען באַטרונקען — כ׳וואַקל ניט שיכור,
עס ליכטיקט דער חושך דורך מיינע פֿאַרלאָשענע אויגן.

דאָרט ווו גלויבן — שטייסטו, אָ גאָט, פֿאַר מיר!
דעם אוצר פֿון מיין גלויבן כ׳האָב צו דיר געבראַכט.
ברייט עפֿן דיין טיר פֿאַר דיין גאַסט, דיין גביר.
ס׳האָט דיין פֿאָלק דיך דערזען און ניט אויסגעטראַכט!

די וואָלקנס ריידן

אין סוף נאַכט האָט אַ האָן געטאָן אַ קריי,
איך האָב אויפן הימל דערזען אַ זעונג, אַ שרעק.
צווישן די וואָלקנס די פייער־רויטע צווי —
האָט אַ פּנים פּאָר מיר זיך אַנטפּלעקט.

ווי אָדערן געפלאָכטן, צעשיידט,
האָבן די וואָלקנס זיך געשנירלט ווי שליאַכן,
און געסקווערט האָט זיך לעבן מיט טויט.
און איך זע אַזוינע אויסטערלישע זאַכן.

מיין אויג זעט אים אויף אַ וועג דאָרט גיין.
אַ פאַרבענקטער בלייבט ער גיריק שטיין.
מיר דאַכט זיך אַז פייער־וואָלקנס קענען ריידן;
און איך טו בעטן זיי אַלץ מיר צו אַנטשיידן.

און זיי דערציילן מיר אַלץ אויס,
קומט אַ דריטער וואָלקן באַלד אַרויס.
און מגילות, ספרים ליגן אויף דעם הימלס טיש.
ער טוט בלאַט נאָך בלאַט דאָרט אַ מיש.

אָט ווערט רויִק גאָר, אַזוי שטיל,
דער הימל טוט אַ נויג ווי אַ קאָפּ צו מיר.
איך פרעג: וואָס איז דיין סימן געווען?
איך הער אַ קול וואָס זאָגט: ס׳וועט ווונדער געשען.

אויפֿן הימל אַ געפּעכט

עס האָט זיך מוראדיק צעברענט די האַלבע לבנה אין דעם הימל,
וואָס האָט געשוואַרצט, פאַרשרפהט לאַבן-ברויט באַשפּרינקלט
דיק מיט קימל.
צעווייטאָגט נאַכט אין טיפן אָפּגרונט איז פאַרזונקען איבערן קאָפּ.
די לבנה קנוילט זיך, ווי אַ קוילן-פייער אין אַ שוואַרצן טאָפּ.

אויף טויט פאַרחלשט ליגן שטערן, אותיות פון אַ טויטער שפּראַך.
לבנה פּעכט פאַרצווייפלט, ווי טולטשינער עדה — גזירת ת״ח.
עס דכט זיך אוים: אָט-אָט דער מאָנסטער, שוואַרצער חושך,
שלינגט זי איין;
ביי אים אין בויך זי שליידערט זיך און רייסט זיך דורך
מיט גלוטיק שיין.

אין הימל אַ געפּעכט, אין קאָן עס שטייט דער קיום פון וועלט-אַלץ.
אפשר פלאַקערט-פלאַמט דאָס בלוט פון דעם צעשניטן יידיש האַלדז?
און פון די קדושים טראָגט זיך רחמים-בעטנדיקער בליק-פון-רוף,
ווייל אין די ברידער-קברים קאָן ניט רוען כל-ישראל-גוף?

די האַלבע לבנה מיט איר סערפּ פאַרשניידט דעם חושך —
ענד פון קריג,
האָט אָפּגעהאַלטן איבער אומגעהויער שטן פולן זיג.
די שטערן וואַכן, רייבן זיך די אויגן, קוקן אויף דעם מת...
און פרעגן פינקלדיק: האָט טאַקע היינט פּאַסירט דער גרויסער נס?

31סטן אויגוסט 1949

לעצטע רו

פון דער פינצטערער נאַכט שיילט זיך אַ פּנים,
שטיל, פאַרגליווערט קאַלט און האַרט.
שטעלט זיך ווי אַ שומר איבער מיין פענצטער,
קוקט און וואַכט און וואַרט.

כ׳הייב זיך אייף פון געלעגער אָן אַ שאָרך,
און שאַר זיך טריטווייז צום פענצטער צו.
כ׳לייג מיין אויער צו און האָרך:
און ליפּן מיך רופן ערגעץ־ווו.

אויף מיין פענצטער קרימט זיך דאָס פּנים,
שאַרף ווי אַ קאָסע שניידט זיך די האַלבע לבנה,
אוןביידע ביי מיר עפּעס מאָנען
און מיט צייכנס מיר דערמאָנען.

דאָס פּנים ווערט אין נאַכט פאַרטרונקען,
ס׳טוען צום פענצטער זיך אַ צי מיינע הענט —
אַ שאָטן איז אין הויז אַריינגעהונקען,
און שאַרט זיך שטום און קאַלט אַרום די ווענט...

צום פינפטן יאָרצייט פון ב. ריווקין

אויף מיינע ליפּן האָט אַ טריף געטאָן דיין נאָמען.
מיר דוכט, איך מאַך אַ ברכה פרום, און שטיל איך ענטפער אָמן.
דיין נאָמען ליב מיט העלער ליכט און שווארצן שאָטן,
גלייך־אויף־גלייך, זיך מישט;
און ווי דער פרילינג־טוי דעם גראָז, ער האָט מיין זעל דערפרישט.

און ווי אַ בלאַט פון ווינט, איך ציטער אויף פאַר פרייד און לייד.
מיין גאַנצער וועזן הערט זיך צו, וויל אויפכאַפּן באַשייד
פון שטילן פליסטער פון דער האַלבער נאַכט, צי גאָר אין
בין־השמשות,
ווען טרוימיק הימל, וואָרע ערד זיך טוליען ווי פאַרליבטע, ניט
דאַיִק, דאָך ממשות.

און איך ווער טויב צום רויש פון טויט, וואָס
וויגט זיך אין דיין נאָמען שטיל,
ווער בלינד צו דעם געדריי פון פליגלען אין זיין גסיסהדיק קאַדריל,
אין שעה, ווען עס האָט זיך אים אַריינגעשניטן שאַרף פון
גאָטעס שטראָף.
גלייך ווי אַ בלאַנקנדיקער חלף אין דעם האַלדז פון
צאַפּלדיקן שאָף.

איז דאָס דער לעצטער חוזק פון דעם מענטשנס ערשטער
האָפענונג, גאָט, דו האָסט פאַרזייט
אין שטילקייט, וואָס אַריבערשרייט סיי קלאַנגען און סיי פאַרבן
בלוי און רויט?
האָסט, גאָט, מיט זיבן שלייערן פאַרהוילן סוד פון דער נשמה,
און אָן רחמנות טרייבסטו מענטשנקינד אַ זוכנדיקן, בלאָנדזשעדיק
אויף וועגן קרומע, לאָמע...

אויף מיינע ליפּן האָט אַ טריף געטאָן דיין נאָמען.
מיר דוכט, איך מאַך אַ ברכה פּרוּם, און שטיל איך ענטפער אָמן.
דיין נאָמען ליב מיט העלער ליכט און שוואַרצן שאָטן,
גלייך־אויף־גלייך, זיך מישט:
און ווי דער פרילינג־טוי דעם גראָז, ער האָט מיין זעל דערפרישט.

מיין וועג איך זוך

אין ליכטיקן אָנדענק פון ב. ריווקין

פאַרבענקטע אויגן מיינע זעען דיך יונג, שלאַנק.
מיר דוכט איך הער דיך, ווי אַ לייב דו ברומסט.
דיין קול פאַרגייט געשווינד, עס ציטערט קוים אַ קלאַנג.
צוריק אין אָנהילך פון די הויכן קומסט.

און ווי אַ רעגנבויגן דעם פאַרוויינטן הימל,
מיט מיינע אָרעמס איך נעם דיך אַרום.
ס׳איז האַלב אויף וואָר און האַלב אין אַ פאַרחלומטן דרימל.
אין מיינע הענט דיין שאָטן רוט קאַלט, שטום.

הענט מיינע, אויסגעדינטע וויאַסלעם צוויי,
דאָס שיפל פירן שוין ניט מער,
ווי פליגלען פלאַטערן אין אַ זאַוויי,
מיין וועלט ווערט חרוב, וויסט און לער.

אוי, וויי און ווינד צו מיר,
צו מיינע ביסל יאָרן!
אין טיפן עלטער שיער
דורך איין נאַכט כ׳בין פאַרפאָרן.

מיין קערפּער בלוטיקט, ווי מיט שפּיזן דורכגעשטאָכן.
מיין זעל אַ לעבעדיקער מת.
אין טויט איך בין אַליין אַריינגעקראָכן,
און דאָך, איך וואַרט אויף גאָטס אַ נס.

פאַרבענקטע אויגן מיינע זעען דיך יונג, שלאַנק.
מיר דוכט איך הער דיך, ווי אַ לייב דו ברומסט.
דיין קול פאַרגייט געשווינד, עס ציטערט קוים אַ קלאַנג.
צוריק אין אָנהילך פון די הויכן קומסט.

די אַלמנה

(צום צענטן יאָרצייט פון ב. ריווקין)

ווי אַ טיר פון אַ זאַוועסע, איר שווער לעבן רייסט זיך אָפּ.
טריפן ניט קיין טרערן, נייערט בלוט פון אירע אויגן.
איר צעווייטאָגט האַרץ איז דורכגעלעכערט, ווי אַ מעלערס זיפּ;
און איר הימל איז אין גאַנצן ווי מיט בליי פאַרצויגן.

ווי די תורה אין אַ מענטעלע, געוויקלט איז זי אין איר פּיין.
אונטער רעגן אָסיענדיקן שטייט זי, וויינט אַ ביטערן געוויין.
אונטערטעניק בעט זי דעם אַלמעכטיקן, וואָס זיצט אין שטול פון דין,
בעט אים משפּטן מיט האַרבקייט די, וואָס זענען האַרט צו איר, ווי שטיין.

שטייגט צום הימל איר געיאָמער, הערן די מלאכים,
רופן זיי צום בורא־עולם: — „גנעדיק, האַרציק פאָטער!
אויב ביי דיר קיין רחמים איז פאַראַן און מענטש איז הפקר,
זיינען מיר פון אונדזער שליחות און התחייבות פּטור".

מחנות פון מלאכים פרעגן: „איז ער איינגעשלאָפן?
לאָמיר וועקן אים און מינטערן מיט אונדזער תפילה".
די צדיקים און צדיקות זיך צענויפגעלאָפן;
אָרעמס אויסגעשטרעקטע, הערצער קלאַפּן ווי צו נעילה.

בעטן זיי און מאָנען: „אין דיין תורה שטייט געשריבן:
טאַטע ביסטו פון יתומים, ריכטער פון אלמנות!
האָסטו אָנגעזאָגט אונדז אַלע ליידנדע צו ליבן;
וואָס פאַרלאַנגסטו פון די נעבעכדיקע מענטשן־קינדער?

פאַר דעם מינדסטן אָפּנייג שטראָפסטו זיי ווי פאַרברעכער, זינדער,
ווען אַליין האָסטו פאַרגעסן מידה פון רחמנות...״

אליהו פּאַלט אַריין אין מיטן אָט־די טענות:
— „זי איז דאָך אַ, באַרמהערציקער גאָט, אַן אלמנה!״
ווי אַ ליקוי־חמה איז מיט מיטלייד זון פאַרהאַנגען,
ווי דער ברענענדיקער דאָרן בלוטיקט די לבנה.

פּליסטערט שטיל אַ שטימע און די עכאָס קלינגען מונטער:
— „קינד מיינס, אליהו! צו וואָס אָט דאָס שרייען, ריידן?!
וואַרף אַרויף אויף זיך דיין קיטל אויסגעהעפט מיט שטערן;
שפּאַן דיין פייער־וואָגן איין און לאָז זיך שנעל אַרונטער,
ברענג אַרויפעט די אלמנה, וואָס גייט אוים אין טרערן;
זאָל זי רוען צווישן די צדיקות אין גן עדן...״

אַליין ביים ערשטן סדר

אַליין ביים ערשטן סדר.
כ׳האָב אויסגעראַמט מיין חדר:
דעם ווייסן טישטעך אויפן טיש פאַרשפּרייט
און שטולן צוויי כ׳האָב צוגעגרייט.

צוויי לייכטער אויפן טיש: די ליכט שוין אָנגעצונדן.
די פּעקלעך פון מיין שווערן שיקזאַל אויפגעבונדן.
קיין מרור און קיין ביטער קרייטעכער געשטעלט:
אין לעבן האָט׳ס מיר קיין מאָל אויסגעפעלט.

דעם קאָפּ כ׳האַלט איבער דער הגדה איינגעבויגן,
די ווערטער קוים זעען מיינע טרערנדיקע אויגן...
איז קיינער ניט געקומען, דאָך איך זיץ און וואַרט.
איז מיין געבעט געבליבן שטיין ביי הימל-טויערן פאַרשפּאַרט?

ס׳ווערט שפּעט, אַליין כ׳נעם זאָגן די הגדה,
מיט ענגליש-טייטש לויט דער אַמעריקאַנער מאָדע.
איך פרעג די ערשטע קשיא: מה נשתנה? גאָט, פאַר וואָס
פאַרענדערט האָסט מיין לעבן... גיסט מיר צרות אָן א מאָס?

און ס׳פאַלן מיינע טרערן ווי ביי דר׳מאַמען אויף דער תחינה.
דעם אַלטן גרוי-פאַרצייטיק תירוץ פון „עבדים היינו"
קען גאָט ניט זאָגן, און פאַרטראַכט ער שווייגט...
מיין קשיא, ניט פאַרענטפערט, ביז צום הימל שטייגט.

אין הימל ווערט אַ שטורעם; ביד חזקה ובזרוע נטויה — שרייט ער,
און שטרענג באַפעלט מיר זאָגן די הגדה ווייטער.
„אַ מעשה מיט רבי אליעזר און רבי עקיבא אין בני־ברק,
וואָס ביז פאַר טאָג דערציילן וועגן יציאת מצרים מיט געשמאַק״...

איך האַלט שוין ביי „כנגד ארבעה בנים דברי תורה״.
ס׳באַפאַלט מיך פחד־ציטער, שרעק און מורא:
איך זע טשיקאַווע פיר פאַרשוינען לאָזן זיך אריין,
און ווינקען אונטער צו די גלעזלעך וויין...

פאָרויס עס שפאַנען צוויי, געשטאַלטיקט ווי די ביימער,
„חכם מה הוא אומר? רשע מה הוא אומר״?
און הינטער זיי עס שלעפט זיך נאָך דער תם,
ווי צווישן לאַנגע שורות — הינקענדיקער גראַם.

און גאָר צום לעצט קריכט נאָך דער „שאינו יודע לשאול״,
און „את פתח לו״, כאַטש עפן אויף זיין מויל מיט שליסל...
געוואָרן פאַרטיק מיט די בנים פיר,
איך עפן האַסטיק אויף די טיר.

„שפוך חמתך אֶל הגוים״... אויף די שׂונאי־ישראל גיס אויס
דיין צאָרן,
כ׳זע אליהו הנביא מיט אַ זאַק אויף זיינע ברייטע פּלייצעס
איז צו מיר פאַרפאָרן.
ער זעצט זיך ברייטלעך אויפן צווייטן שטול און טרינקט זיין כוס —
און איך פרעג נאָך אַ מאָל די ערשטע קשיא: גאַטעניו, פאַר וואָס?

אַ בוים אַ מאָדנער

אין גאַס, אַוווּ איך וווין,
כ׳זעביימער שטיין.
איין בוים אַ מאָדנער טיף פאַרטראַכט,
ווי פון דער פרעמד געבראַכט...

די ערד אַרום אים ניט באַגראָזט,
אַזוי באַשיידן, פשוט־פּראָסט.
— ווי קומסטו, בוים, אַזוי צו זיין,
דו שטייסט דאָך אונטער זונענשיין?

ביסט דער בוים וואָס היט,
פאַר מיך זיך מיט?
און ווען די נאַכט ווערט שטום,
דו נעמסט מיך שטיל אַרום?

וואָס פאַר אַ גוטער ווילער איז דער מאָדנער בוים!
אויף זיינע גרינע צווייגן איך פאַרוויג מיין טרוים,
און בוי פאַר מיינע זומער־פייגעלעך אַ נעסט...
וואָס׳ט, אָבער, זיין ווען ס׳קומט דער ווינטער מיט די פרעסט?

דער אָנזאָגער פון סוף פון די 2000 יאָר

בײַ מײַן הויז עס וויגט זיך שאָטן;
זײַנע אויגן — שבת-ליכטלעך קנויטן.
מיט דער זון הויך שטײַגט דער טאָג,
שאָטן שאַרט זיך צו אַ ראָג.

ציט זיך שאָטן — אַ פאַרכישופטע פּאָס
און געוועבלט זיך איבער מײַן פאַראָרעמטע גאַס,
גייט די זון אים נאָך, טראָט בײַ טראָט,
פּלוצלונג בלײַבט זי שטיין אויף זײַן געבאָט.

טוט דער שאָטן זיך אַ שטרעק אין דר׳הויך
און צעווײַגט צעקודלטע וואָלקן-רויך.
אויף די כוואַליעס פון דעם רויך ער צייכנט צוויי און דרײַ מאָל נול.
פון דעם צוויי מיט די דרײַ נולן פאַלט אַ טלית-זאַק צו פול.

צייכנט שאָטן נאָך אַ מאָל צוויי מיט דרײַ נולן —
קריכט אַ בעטלער אַרויס פון זאַק דעם פולן.
בעטלער פון דורות גרויסע יידן קומט אַרויס —
קינדער יידישע ער שטעלט אין לאַנגע שורות אויס.

שאָטן רויִק שלײַכט אַוועק. — מיטן בעטלער בראש
ציִען מחנות יידן מיט געזאַנג און פויק-גערויש:
„אַנטקעגן אונדזערע שונאים גייען מיר זיך ווערן,
פינצטערע נאַכט פאַרוואַנדלען אין אַ ליכטיק מאָרגן-שטערן״.

פון בלוי ווערט בלויער

צו ריווקינס פופצנטן יאָרצייט

איבער לאַנגע היגלען, ווי דער אויסזען פון אַן איי,
הוידעט זיך מיין לעבן, ווי אַ פויגל אויף אַ שטרוי,
דורך די ווייטע האָריזאָנטן קנוילט אַ וואַלד ווי רויך,
טו איך אַ צעלאָז די פליגלען, זע איך ס׳איז ניטאָ קיין הייך...

שוואַרצע קליינע ביימעלעך, ווי טשערעדעס פון שאָף,
מיך באַגלייטן בין־השמשותדיק מיט גרויע אויגן.
וואַלד, ווי מידער פערד, אין ווייטקייט האָט געצויגן.
שמייסן פייערדיקע ריטער מיין געמיט גאָר אָן אַ סוף...

איך אין אַ צעגאָסן חושך־נאַכט אַ סקריפּעדיקער ראָד
שטיל מיט ציטערדיקע טריט, ווי אַ חיה קריכט דער וואָגן.
פון אַ בויד, וואָס אָן אַ שטיין עס האָט זיך אָנגעשלאָגן. — — —
פלאַטער פון דיין הויכן שטערן ער צעשמייכלט זיך מיט גנאָד.

ליכטיקט אויף דער חושך... קלינגען בשורות אין מיין אויער.
ווי אַ ים דער וואַלד זיך לויטערט און פון בלוי ווערט בלויער.

מיין טרויער לייטערט זיך...

גלייך צו אַ שטערן, וועלכער איילט פון הימל צו דער ערד
און טראָגט זיין בשורה וואָס פון קיינעם דערהערט,
און ווי דער שוואַרצער ים אין לויטערקייט ווערט בלויער,
אַזוי עס פנימט זיך מיין איצטיקער טרויער.

כוואַליעט ער זיך אַרוים פון אונטער שטורעם
מיט בר‍ייט צעעפנטע, צעפּאַכעטע שוואַרצע פליגלען.
ער יאָגט און גיכט מיט ווילדן אימפּעט צו דעם זונען־טורעם
און אַט ער שפּיגלט שוין מיט רעגנבויגן אויף די היגלען.

און, ווי אַ פויגל, אין די וואָלקנס איז ער גלייך פאַרפלויגן,
און אַט צעליכטיקט זיך, ווי אומשולד אין צוויי קינדישע אויגן.
דער טרויער פלייסט זיך שוואַרצקייט פון זיינע פליגל אויסצובלייכן
און זינקט אין אָפּגרונט פון די רויִקע און שטילע הייכן.

אַ חלום

פון הויך, אַ באַרגיקער, עס פאַלט אַראָפּ אַ שטערן,
טיין שטוב צעליכטיקט, לעשט זיך אויסעט ביי מיין טיר.
אַ האַנט, אַ רעגנבויגן — זון אַ מבול טוט פאַרשווערן, —
זיך ציט געשלענגלט דורך דער שוואַרצער נאַכט צו מיר.

מתפלל איז די נאַכט מיט פינגער־שפּראַך אָן זאָג,
זי בעט מיט פליסטער, אַז דער נס זאָל גלייך געשען,
און על־פּי נס זאָל לעבן צינדן זיך פאַר טאָג,
און חושך־בלינד זאָל העלן זונען־שיין דערזען...

עס איז אַ חלום נאָר. עס מוז דאָך אָבער ווערן וואָר.
און יאָרן שליסן הענט: צעזינגט זיך פרילינג־כאָר.
פון סאַמע אָפּגרונט, פון דעם טיפסטן טרויער־טאָל
עס קומט אַרויף באַפעלערישער יוגנט־קול:
אַלץ העכער שטייגן עס איז מענטשלעך פליכט —
די פינצטערניש פאַרוואַנדלען אין דעם דרייסט פון ליכט!

זיך שיידן

ניט צווישן מויערן עס שטייט מיין נחלה;
ניט מיט שינדלען איז באַדעקט מיין „כאַטקעס" דאַך.
ניט אַ פריינדלעך האַנט צו מיר עס טוט זיך שטרעקן.
ניט א גוטע בשורה האָט מיר ווער געבראַכט.

צו דיר, מיין ליבער גאָט, איך שאַר זיך ווי ביים אָפּגרונט-ראַנד.
און ווי אַ כלה אַ פאַרלאָזטע אין דעם טאָג פון חופה,
אַ דערנער-קראַנץ איך פלעכט פון טרויער-טרערן פאַר זיך אַ באַנד,
די דערנער שטעכן זיך ווי נאָדלען ווייטאָגדיק און בלוטיק.

און ווי פון בייזע אויגן שאָטנס-ברעמען האָבן מיך באַגלייט
אויף מיין נע-ונדיק וועג דעם וויסטן, צרהדיק לאַנגען, שווערן.
דער זאַמדיק מדבר האָט פאַר מיר קיין נאַכטלעגער, קיין טיש געגרייט,
אַפילו ניט קיין טראָפּן וואַסער לעכצנדיקע זעל צו קוויקן.

איך גאַר נאָך אייביק נאַכט, נאָך לעצטער אומגעשטערטער רו.
עס וויינט אין מיר מיין האַרץ ווי דורות מאַמעס בשעת נעילה.
צו מיין נשמהס פאַכעדיקן ווידוי כ׳הער זיך צו,
און זע, ווי פון מיין מידן קראַנקן גוף זי נעמט זיך שיידן...

ניט צווישן מויער עס שטייט מיין נחלה;
ניט מיט שינדלען איז באַדעקט מיין „כאַטקעס" דאַך.
ניט אַ פריינדלעך האַנט צו מיר עס טוט זיך שטרעקן.
ניט אַ גוטע בשורה האָט מיר ווער געבראַכט.

פאַר נאַכט

מיינע קני אַ חורבה־שטיבל
פון דעם ווינט אַ ציטער האָט געטאָן.
מיט אַ שקיעהדיק פאַראיבל
ציִען שאָטנס, טונקלען גאָטעס טראָן.

פאַרנאַכט דעם טאָג אין מערב האַלט געבויגן,
און מיט אַ גרויען טוך די העלע אויגן
דער זון פאַרבינדט, ווי מיט אַ וואַנט פאַרשטעלט.
מיין האַרץ קלעמט אין זיין איינזאַמען געצעלט.

אין הימל האָט אַ כמאַרע זיך צעכליפּעט ביטער.
איך האָב דערהערט אַ רוף, אַ טריפנדיקן קול.
עס פאַלן קלאַנגען רעגנדיקע דראָבנע שיטער.
מיין וועג פאַרנייגט זיך באַרג־אַראָפּ אין טיפן טאָל.

כ׳בייג זיך, ווי אַ זקנה, צו דער ערד אין דרייען,
ווי אַ בלינדע כ׳טאַפּ אַ שטיקל דרך,
פון מיין שטעקן ריכטונג איך בין גרייט צו לייען...
לאַסט פון יאָרן, גרינגער ווער! — פאַרשווער איך.

מיין שטומע שפּראַך

מיט אַ געזיכט אָן אויסגעבלייכטס, ווי די לבנה,
געשפּענסט־געשטאַלט פון אַ פאַרווייַרעכטער פאַרצערטער נאָנע,
די שוואַרצע נאַכט מיין גוף מיט חושך ט׳איינגעהילט,
איך שטיי פאַר דיר מיט בליקן אָנגעגליט און אָנגעצילט.

איך קני ניט צו דער ערד, איך שטיי און האָרך, ווי איך בין טויב.
און מיינע טרערן זודיק האָגלען אויפן קאַלטן שטויב.
האַלבנאַכט וויינט מיט, פאַר׳צער׳ט, מיט שטימען גאָר אַ סך,
פאַרנעם־זשע, ליבער, דאָס געוויין, מיין שטומע שפּראַך.

וואָס זוכסטו אין דער רויער ערד?

עס לויפט אַ גאַס נאָך גאַס, אָט בין איך שוין אין פעלד.
צו דיר מיין לעבן כ׳האָב געבראַכט,
ווי אַ מצבה ביי דיין קבר אים געשטעלט.
אין קנייטשן פון דער ערד מיין האַרץ באַהאַלטן,
זאָל דאָרט מיין ליבע ליגן טיף פאַרבענקט, פאַרשמאַכט
און וואַרטן אויף מיין גוף דעם קאַלטן.

ווען פון דיין קבר כ׳בין אַהיים געגאַנגען;
מיין האַרץ האָט מיך גערופן אויף צוריק.
דער הימל איז מיט שרעק אַריבער מיר געהאַנגען:
וואָס זוכסטו אין דער רויער ערד דיין גליק?

אין דיינע אויגן דרעמלען סודות

אין דיינע אויגן דרעמלען סודות,
אויף דיין פּנים צער, ווי נאַכט, זיך שפּרייט.
כ׳האָב אַזוי געוואָלט דאָך זיין אַן עדות,
ווען אַ האַרץ, ווי דיינס, ווערט זיין דערפרייט.

איז מיר באַשערט מיט דיר אין איינעם,
צו זיין אין דעם חושך, אָט אַ דאָ;
ווען כ׳בין מיט דיר, כ׳דאַרף ניט קיינעם —
איך טראָג דיין צער ביז מיין לעצטער שעה.

דער נדר

איך האָב פאַרנומען דיין געוויין,
דיין גסיסהדיקע לעצטע טרער.
די ווערטער זיך געזיפּט דורך דיינע ציין:
„אוי, וויי! פאַרנעמען וועט מיין פּלאַץ, אַ, ווער?!"

כ׳האָב אויפגעציטערט פון די לעצטע רייד,
פון דיר כ׳האָב ניט גענומען קיין אָפּשייד.
פאַר מיר דיין פּנים, לבנה אין מיין הימל, תמיד שיינט,
אַ בונד פון לעבן און טויט איך האָב מיט דיר באַנייט.

די אַראָפּנידערונג

א שׂרפה דער הימל, אַ בלוטבאָד די צייט:
אַנטפּלעקט זיך גאָטס פּנים, אין צאָרן ער שרייט —
פאַלט טעמפּ גאָטס וואָרט פון הימל אַראָפּ;
געקראַכט די לעגענדע פון גאָטס צען געבאָט.

געוווּגען צוויי שלאַכטן האָט שטורעם פון צייט:
גאָט פון מענטש, מענטש פון גאָט איז באַפרייט!
פאַרשלאָסן דער הימל, מענטש טויב צו גאָט-געשריי:
ווייטיקט גאָט, דער מענטש פילט ניט זיין גאָטלאָזן וויי!

עס יאָמערט גאָטס האַרץ אויף דער שטומער מענטש-פּיין
עס איז שווער אים אין הימל אַ גאָט ווייטער צו זיין.
צעבּרעכט ער די שלעסער פון זיין הימלישן טויער,
ער נידערט אין תהום פון מענטשישן טרויער.

נעמט שפּיז און שווערד אין זיין האַנט,
און לאָזט זיך גיין מיטן פאָלק זאַלבענאַנד.
וואַנדערט און וואַגלט אויף מענטשישע וועגן —
גאָט מיט מענטש גייען דער רשעות אַנטקעגן...

מיט פֿאַרבונדענע אויגן

איך וואָלט זיך די אויגן פֿאַרבונדן,
און ניט זען די מענטשלעכע שרעק.
וואָס מען זאָל טאָן, ווייס ניט קיינער —
די געדאַנקען גייען ווי אויף טויבן־פּיס אַוועק.

דער הימל האָט די שטערן שוין לאַנג אויסגעלאָשן,
נאָר דער מענטש אין אַ ווינקל־אויג טראָגט נאָך ליכט.
שאָטנס טאַנצן דעם טויטן־טאַנץ,
וואַרפֿן בית־עולם־ליכט דעם מענטשן אין געזיכט.

איז וואָס איז פֿון דער וועלט געוואָרן?
אַ בית־עולם אונטער שיין פֿון לבנה?
ווערטער זיך קייקלען ווי אַ מעשענע פֿאַן אויף אַ טרעפּ...
און דער מענטש אַליין נענטער צו דער גרויסער סכנה.

וויגט זיך דער הימל ווי אַ לאָמפּ איבער אַ טיש;
גאָט מיט פֿאַרבונדענע אויגן זעט קיינעם;
ווּהין מען קומט — אַ בלינדער שכן;
בלייבט מען אין דער פֿינצטער מיט גאָט אין איינעם.

אַ קאָשמאַר

ווי אַ זקנה מיט אַ הוילן שאַרבן,
שטעלט זיך די נאַכט לעם אונדזער שוועל.
מיט אַן עכאָ פון שלאַכטפעלד שרייט זי: שטאַרבן!
און אָט פויקט זי אין פענצטער איר טויט-באַפעל.

עס ווילט זיך לאַכן און אַ משוגענער לאַכט —
מיר ליגן געשמידט ווי אין אייזערנע רייפן.
אַ געיאָמער פון קולות, ווי אַן אָפּהילך פון שלאַכט,
עס פלאַקערט אַ שׂרפה אין אונדזערע הייפן.

עס דאַכט זיך: מיר ליגן שוין אַלע ווי טויטע —
די בלינדע נאַכט שפּרייזט אירע לעצט-לעצטע שריט:
זי שפּאַנט אַריבער די צו קבורה גרייטע —
און די מוטיקסטע נעמט זי מיט!...

פאַסטעך יעקב

וועז פאַסטעך יעקב איז אַ פּליט אין דער וועלט געוואָרן
אויף וועגן פינצטערע, דורך שוואַרצע נעכט פאַרוואָגלט
האָט זיך צו אים אַ געטלעך שטים דערטראָגן און געזאָגט:
„ניט מענטש — נאָר איך, דיין גאָט, וועל דיך מיט ברויט
פאַרזאָרגן...״

און איך אַליין, ווער בין איך? וואָס האָב איך צו זאָגן?
אַ גאָטעניו! ווו איז מיין טרייסטער איצט? אַוו — מיין היטער? —
אַ קראַנקן-שוועסטער בין איך, אַ פאַרוואָגלטע פאַסטושקע,
וואָס אַלטע שוואַכינקע באַשעפענישן היט און פיטער...

ווען יונה איז געוואָרן אין דעם שטורעם-ים געוואָרפן,
האָט גאָט אַ וואַלפיש צוגעשיקט, אים איינצושלינגען;
און פון זיין בויך האָט ער אַ תפילה, אַ געבעט אַרויסגעזונגען.

און איך, אַן עלנט קינד, אין ים פון טרערן ווער דערטרונקען;
און אויך אויף דער יבשה שלעכטע מענטשן לויערן, מיך צו צעטרעטן —
ווו איז דער וואַלפיש, ווו דער גוטער מלאך מיך צו רעטן?

נשמה־געזאַנג

אַן אומרו איז איבער מיר געגאַנגען
און האָט מיך אויפגעוועקט אין מיטן נאַכט —
אַ ניגון, שוין לאַנג ניט געהערטער,
פון ערגעץ האָט זיך צו מיר געבראַכט.

אַ קול האָט אַ תפילה אויף טרעפּן געהויבן
און האָט עס דערהויבן צו אַ נשמה־געזאַנג.
קאָן אַ תפילה ס׳הארץ ווי אַ קרבן שעכטן?
קאָן אַ הארץ אויסגיין פון גאָט־פאַרלאַנג?

גאָט — אַ נאָמען כ׳האָב זיך געהיט צו דערמאָנען —
דער נאָמען איז געווען אפשר באַהאַלטן אין מיר.
— אַ נשמה האָט פענצטער פאַרמאַכטע מיט לאָדן,
זי בעט זיך און רייסט זיך צו אַן אָפענער טיר.

וואָרט וויגט גרויס וונדער פאַר מיינע אָפענע אויגן.
מיינע ליפּן בענטשן דעם טראָף, דעם קלאַנג —
אין הארצן די תפילה אַלץ הויכט אויסגעצויגן.
די תפילה מיך טוליעט צו אַ גרויסן געדאַנק.

היינט ווי נעכטן וויינט אומרו אין מיינע גלידער,
ער וויינט מיט דעם צער פון דער וועלטס פיר ווענט.
די תפילה זי טרייסט מיך ווי אַ גליקלעכע בשורה —
איך טראָג זי אַרום אין מיין שטוב אויף די הענט.

גאָטס טרעפּ

איך ברען מיט רויטן פלאַם,
און פּאַל אויף ווייסן שניי.
צונויפגעדרייט — אַ קנויל —
מיט מיר מיין פּיין און וויי...

איך קלעטער אויף לבנה-טרעפּ,
איך זוך מיין לעצטע רו.
איך נעם אַלץ אָן פאַר גוט.
צום כבוד-שטול כ׳פאַל צו.

איך קום צו דיר, מיין גאָט,
איך שטעל מיין רעכטע באַק —
אויב ליבע איז אַ זינד,
איך ברענג אַ פולן פּאַק...

ליכטיק

צום אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

אין פעלדער, וועלדער איז אַ פאָלק צעשפּרייט.
אין מיטן טאָג די זון פאַרגייט;
אין מיטן טאָג געוואָרן נאַכט, זון זינקט אַראָפּ,
לייגט אויפן שוואַרצן קישן ברענענדיקן קאָפּ.

א לאַנד אין שוואַרצע ראַמען;
אין אים אַ יידיש שטאָט גייט אויף אין פלאַמען.
עס שרייען קינדער מיט אַ יאָמערדיק געבעט אין קול.
צו וועמען שרייען קינדער אַלע מיט אַ מאָל?

די וועלט איז טויב, זי הערט ניט קינדער־קול;
עס שרייען קינדער העכער וואָס אַ מאָל.
די וועלט שטייט, ווי פון הענדלער אָן אַגענט,
פירט איר געשעפט, ביז ס׳לעצטע קינד שוין ברענט.

קינדס לעצטער אויסגעשריי צעררייסט די טאָגיק נאַכט,
ווי אַ שטורעם וואָלט אָן ענטפער אים געבראַכט.
די פייגעלעך פון נעסטן שטעקן שרעקעדיק אַרויס די קעפּ:
זיי זעען: די מלאכים פון דעם הימל נידערן אויף טרעפּ,

און טוען יעדעס קינד אויס פון זיין ברענענדיקן גוף,
און פירן די נשמהלעך צום הימל שנעל אַרויף...
דערפאַר האָט זיך צעליכטיקט טאָגיק נאַכט:
אַזוי פיל נשמות קינדערשע פאַר גאָט געבראַכט!

אַ ליכט אין חושך

אין אָנדענק פון מיין ברודער חיים בערמאַן ע״ה, 1946—1887

אין מיטן פעלד אַ חורבה איינגעהויקערט, ווי צו נעילה.
דאַך דורכגעלעכערט רויכערט זיך און קנוילט אַן עלנט שטום.
מַצבות-צווילינג אויף אַ בערגל קניִען ווי אין תפילה.
אַן אַלטיטשקער גאָר ניט פון הי ער דרייט זיך דאָרט אַרום.

אויף זיינע פּלייצעס — זאַק פון טאַטע-מאַמעשן געוויין.
צוויי קינדערלעך טראָגט אויף די הענט, זיי דריקט צום האַרצן צו
פאַרשלעפּערטע, צעליכטיקט זיך דער חושך אַרום זיי.
לייגט פולן זאַק געוויין צוקאָפּנס זיי פאַר רו.

דער אַלטיטשקער די הענט צום הימל הייבט: „אַ גאָטעניו!
דאָס טייערסטע, דאָס שענסטע איז ביי דיר אַ קינד.
סיי וואָרצל סיי שטאָם פון משפחות הייליקע און ריינע;
זאָל איינס דער מלך דוד זיין און צווייטס משה רבנו״.

דער אַלטיטשקער האָט דודלען אין פעלד געשיקט —
ברענגט דוד שונאס חייל ווי די אָקסן אויף אַ שטריק.
פאַר משהלען האָט שטעקן אויסגעשניצט און אויסגעצירט. —
פון דריטן חורבן ט׳משה מיטן שטעקן פאָלק געפירט.

די טאַטע-מאַמע האָבן פאַר די קינדער לעבנלאַנג געליטן
ביז דער פאַרפלוכטער שונא האָט זיי מיט אַ זאַק-געוויין פאַרביטן.
צי האָבן זיי אַזוינס געקאָנט גאָר טראַכטן און פאַרקלערן,
אַז איינס וועט קעניג דוד זיין, דאָס צווייטע משה רבנו ווערן?!

גרויס־ניו־יאָרק איז עולה־רגל צום אַטלאַנטיק

אַ, נאַכטיק ים, דו נאַכטיק ים, פון כאָאָס פאַרבראַשיתדיקן
אָפּגעשיידטער.
אין דיינע אינגעווייד דער אומעט פון באַשאַף פאַרטאַיעט ליגט
אַן אויסגעשפּרייטער.
אין דיינע טיפענישן באַנג פון יצירה איז פאַרחתמעט אונטער
זיבן זיגלען,
אין דיינע שוימענדיקע כוואַליעס ווירבלען גאָטס טרויעריקע
פליגלען.

אין דיינע אָפּגרונטן גאָטס צער זיך טרינקט פאַרטרערט,
און אויף דיין אויבערפלאַך זיין יאָמער ווערט דערהערט.
און אין דיין ברויזן טראָגסט זיין אומגעשטילטן צאָרן,
פאַרדרוס וואָס ער אַ מענטש־באַשאַפער איז געוואָרן.

נאָך האַלבער נאַכט דער בורא־עולם פראַוועט חצות, פּאַרוויינט
ווי אונדזערע זיידעס אָבות.
טרינקט אויס זיין אָפּגרונטיקן כוס, געזאַלצענעם און ביטערן
ביז סם־המוות —
דאָך גאָט־ים קען ניט שטענדיק בלייבן אַ פאַרוויקלטער
אין אומגעטרייסטן טרויער.
ווערט ים פון אומעט אויסגעלייזט, מיט זונאויפגאַנג עפנט זיך
פון פרייד דער טויער.

דער טויער אָפן — שטראָמען אָן און אויפהער מאַסן.
סיי יונג, סיי אַלט קומט קוויקן זיך מיטן ים פון פרייד.
אַ שפּיגל שפּרייט זיך פאַר די פנימער פון ראַסן.
אויף כוואַליעס טראָגט אַ קילער ווינט פיל־שפּראַכיק רייד.

איז גרויס־ניו־יאָרק היינט עולה־רגל צום אַטלאַנטיק,
ווי צו אַ טעמפּל מיט כוונות און געבעט.
ס׳איז אייביק יונג די פרומע ברויזנדע ראָמאַנטיק;
דאָס לייב צום וואַסער ציט, ווי אייזן צום מאַגנעט...

אַ „לעבנס־רעטער״־שיפל שטייט אין מיטן ים.
די יינגלעך מיט די מיידלעך אין די אינדן שטיפן:
די ליבע בילדער איינגעפּאַסט אין יוגנט־ראַם;
לעגענדעס אויסטערלישע טויכן פון די טיפן:

אַט פלוצלונג שטייגט אַ פּרינץ אַרויף פון וואַסער־תהום,
אַ פּרינץ, וואָס ס׳מיידל האָט געזען אים אין איר טרוימען,
ער פאַנגט זיין ליבע מיידל, שווימט אָפּ מיטן שטראָם
און הינטער זיי עס זילבערט זיך אַ שליאַד פון שוימען...

קוקט מענטש־באַשאַפער אויפן פּאָרל און קוועלט אָן מיט פרייד.
זיין זון אין הימל שמעלצט איר שטראַלן־גאָלד פון נחת;
גאָט שאָקלט מיטן קאָפּ: „באַשאַף טוט מיר ניט לייד...
מיט יונגוואַרג בונד באַניי איך, זאָל זיין אַ יד־אַחת...״

מיין טאַטע

מיין טאַטע טראָגט צער אין זיינע אויגן —
דאָס געדענק איך זייט איך בין אַ קינד געווען.
איך האָב אין מיין טאַטנס אויגן
דעם עלנט פון דעם יידן געזען.

שבת נאָך מיטאָג ווען מיין טאַטנס גוטע האַנט
האָט פינגער נאָך פינגער געטאָן אַ בראָך —
איצט נאָך הער איך אָט דעם קלאַנג
דעם גאַנצן יידישן אָך!

איז מיין טאַטע מיר נאָך נענטער געוואָרן —
איך בין דאָך פון אים גאָרניט אַוועק!
זיין צער איז אויך מיינער געוואָרן —
מיט פרייד גיי איך איבער זיין וועג.

איך וועל אויף מיין טאַטנס וועג ניט פאַלן —
מיין וועג איז פון זיינע אויגן געהיט.
זיין צער איז ליבשאַפט אין מיינע גלידער;
זיינע קנייטשן — רייפן מיין געמיט.

מיינע פּעק

וואַנדערנדיק וועג־איין, וועג־אויס —
אויף אַ וואָגן געפּאַקט מיט זאָרג —
האָב איך, ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן,
זיך גענומען אַ דירה אויף באַרג.

איך האָב די פּעק אויפגעבונדן,
די שטריק פון זאָרג צעשפּרייט;
די טיר האַלב אָפן געלאָזט —
זאָל אָן אָפענע טיר זיין גרייט!

איך שליס די מידע אויגן צו —
איך הער מען ציט מיינע שטריק.
די פּעק ליגן ווי קעלבער געבונדן,
מען שלעפּט זיי שוין אויף צוריק.

דעם דישל פאַרקערעוועט — איך פאָר
מיט האַלב־אָפענע אויגן דורך שלאָף.
די פּעק, ווי שוואַרצע קישנס צוקאָפּנס,
דער וועג — ווי אַ בעט אָן אַ סוף.

פויל האָט דער וועג זיך געצויגן,
ביז איינגעדרעמלט האָט אויך דער וואָגן —
די פּעק פינטלען ווי בעלמעס אויף די אויגן —
ביז די נאַכט אַ מידע האָט גענומען טאָגן.

דער מזרח טריפט דעם גרוס פון גוט־מאָרגן,
די פּעק צערויטלען זיך ווי עפּל אויף אַ וואָגן,
אין רויטער ליכטיקייט זיך וואַשן מיינע זאָרגן —
פונעם וואַלד האָט אַ ניגון גענומען טראָגן.

דער ניגון צעוויגט איבער מיר אַ געשטאַלט —
ווער קושט מיינע ליפּן? ווער גלעט מיינע הענט?
אין פאַרוויגנדיקן ניגון פון שחרית
האָב איך מיין טאַטנס שטימע דערקענט.

איך בין צוריק אַ קינד געוואָרן,
און געשלאָפן ביזן שפּעטן מאָרגן —
אויפן בעט פון לייכטע חלומות געטראָגן —
און מיין טאַטע האָט געשלעפט מיינע זאָרגן.

אַ חלום

מיין מאַמע האָט מיר אַ טאָרבע געבראַכט
און אויף אַ פּאָליצע אַוועקגעלייגט —
זאָל, מיין טאָכטער, אַ לאַבן ברויט ליגן,
מען זאָל ניט באַדאַרפן און באַהיט זיין פון נויט.

איך האָב די טאָרבע צעעפנט,
און געקוקט אויפן לאַבן ברויט —
האָט מיין מאַמעס פּנים אויף אים זיך געשפּיגלט —
אַ פּנים, וואָס איז אַריבער דרייסיק יאָר טויט.

1939

מאַמע — טאָכטער

מיין מאַמע האָט צו ליכט־בענטשן אַ יעדן פרייטיק־צ׳נאַכט
מיט אירע קליינע דאַרע הענט די אויגן זיך פאַרדעקט,
געדאַנקט זיין ליבן נאָמען: דעם שבת שוין אין שטוב
אריינגעבראַכט —
פאַרדעקט דיין טאָכטער אירע אויגן פאַרן טאָג, וואָס שרעקט...

גאָט זיינע הימלען האָט פאַרשלאָסן, פנים זיינס פאַרהוילן,
אונדז טוט ער אָן רחמנות שפּרייטן, מיסט אויף וויסטער ערד.
מיט זאָרג ער היט דאָס גראָז, די תבואות, קרייטעכער פון פוילן,
אונדז לאָזט אויף הפקר אומגעקומען פון פייער און פון שווערד.

גאַר־גאַר פאַרצייטנס האָט אונדז גאָט זיין וווּנדערבאַרע תורה
אין מדבר סיני דורך בליץ־דונערן, בראַנד־פלאַם, געגעבן.
מיין מאַמע האָט געגלויבט, געשראָקן זיך פאַר אַן עבירה...
היינט ביי דיין טאָכטער אויף די ליפּן פראַגעס שוועבן...

מיין פרומע מאַמע אין איר טרערן־דורכגעווייקטער תחינה
צום ליבן גאָט געטראָגן פולן צוטרוי מיט געבעט,
דיין טאָכטער, אָבער, זעט אין אים עס פלאַקערט בלויז אַ שׂנאה:
זיין שטראָף איז אומגעהויער גרויס פאַר יעדן מינדסטן חטא...

מיין מאַמע האָט צו ליכט־בענטשן אַ יעדן פרייטיק־צ׳נאַכט
מיט אירע קליינע דאַרע הענט די אויגן זיך פאַרדעקט,
געדאַנקט זיין ליבן נאָמען: דעם שבת שוין אין שטוב
אריינגעבראַכט —
פאַרדעקט דיין טאָכטער אירע אויגן פאַרן טאָג, וואָס שרעקט...

אין טייטש־חומש

פון מיין טיפער בענקשאַפט אין די לאַנגע נעכט,
ווען די שעהען קריכן פויל, ווי שוואַרצע קנעכט,
אַ געשטאַלט טויכט־אויף... מיט מיין באָבען אין דעם
טייטש־חומש כ׳טו זאָגן.
בלייכן אותיות ווי די שטערן אין דעם הימל, ווען ס׳נעמט טאָגן.

איך הער זיי קרעכצן, כ׳זע זיי טוליען זיך אין שרעקן,
פון טיפן שלאָף די מעשׂיות וואָלטן וועלן וועקן.
ווי אַ געווינערין זיי קראַמפן און זיך דרייען,
און אָט צוריק זיך שטעלן אוים אין גראַדע רייען.

פאַרדאַרטע שורות־צווייגן ציִען זיך אַראָפּ,
און איבער זיי עס שאָקלט זיך דער פרומער טראָפּ.
איך קלייב אַ זילב צו זילב און נישטער יעדעם וואָרט,
און זאַץ מיט זאַץ פון זיך אַליין עס ווערט געפּאָרט.

איך לייען מעשׂה־בראשית, כ׳פּרעג: אָ, ליבער גאָט!
צו וואָס איז דיין באַשאַף, ווען מענטש ז׳צו שאַנד, צו שפּאָט?
מיין שטים פאַרגייט געבראָכן אין פאַרדעמפּטע קלאַנגען,
און מיינע אויגן ווי מיט נעפּל בלינד פאַרהאַנגען.

פון מיין טיפער בענקשאַפט אין די לאַנגע נעכט,
ווען די שעהען קריכן פויל ווי שוואַרצע קנעכט,
אַ געשטאַלט טויכט אויף... מיט מיין באָבען אין דעם
טייטש־חומש כ׳טו זאָגן.
בלייכן אותיות ווי די שטערן אין דעם הימל, ווען ס׳נעמט טאָגן.

אַן אות אין מיין עלטער־באָבעס סידור...

דו מענטשנקינד! דו האָסט געטויבט, ווען איך האָב יאָמערלעך
פֿאַר דיר געוויינט.
דער פֿאַל פֿון טרערן האָט אין דיר קיין אָפּקלאַנג ניט געפֿונען.
איך האָב געבלוטיקט, פֿון אַ ליפּע־בוים דער זאַפֿט גערונען.
עס האָט דיך ניט גערירט... — אַ ציטער האָט געטאָן
דער הימל, ערד.

אַ וואָלקן־אָרעם האָט אַ פֿאַך געטאָן אין הימל בלוי — אַ האַנט
פֿון גאָט.
געהאַלדזט האָט איצטער מיך זיין שטים, פּונקט ווי מען האַלדזט
אַ קינד.
איז גוט. איך ווייס ער איז מיין פֿאַסטעך, איך זיין שאָף און רינד.
גענומען וואַכן איבער מיר האָט דער געטרייער שומר —
זיין געבאָט.

און מיין געפֿיל עס קענען ווערטער ניט דערציילן, מעסטן קען
קיין מאָס.
כ׳זיץ איינגעבויגן, ווי מיין באָבע, איבער ספֿרים פֿרום.
כ׳זע אותיות הייליקע אָט וואָגלען מיט די אָבות שטום.
עס דוכט זיך מיר — כ׳בין עלטער פֿון מיין עלטער־באָבעס סידורס
אַלטן אות...

מאַמעס זוכן קינדער

ווי אַראָפּגעגנידערטע פון פאַרצייטן געשטאַלטן —
איינגעבויגענע צעדערן פון לבנון —
ציט אַ מחנה מאַמעס צום טאָל פון געוואַלטן,
ווו זייערע קינדער זיך ראַנגלען אונטער קראַך פון קאַנאָנען.

זייערע ליפּן מורמלען: ווי רחל און חנה און דבורה,
טראָגן מיר צו אייך די תּפילה פון אונדזער מאַמעשער תּורה;
ווי וועכטערינס וועלן מיר איבערן שלאַכטפעלד לויערן,
ווי גייסטער איבער אייערע לעבנס הויערן.

זיי גייען און גייען און אָט זייענען זיי שוין דאָרט.
פּאַס נאָך פּאַס פון שלאַכטפעלד בלעטערט די לבנה —
זוכן מאַמעס קינדער ווי אין טייטש-חומש אַ וואָרט;
שפּרייטן פאַרטעכער ברכות זיי צו שיצן אין סכנה.

זייער טראָט ווי אַ יידישער אות איז תּוכיק געוואָרן.
זיי טרעטן אויס פון אותיות אַ שורה וואָס בליצט —
זעען קינדער אַ פייערשריפט — זייט באַהיט און באַשיצט! —
און מאַמעשער קול הילכט זיי פון יעדן ברענענדיקן דאָרן.

פֿאַרליר איך דיך, פֿאַרליר איך אַלץ

מיין גוטע פֿרומע מאַמע מיט זיך דאָך פֿאַר מיר — — —
מיין גאָט טוט וואַכן איבער מיר מיט אויג-השגחה,
און אָפֿן האַלט פֿאַר מיין געבעט די הימל-טיר,
אין וואָס איך טו ער שיקט זיין גנעדיקע ברכה:

ער הילט מיך אונטער זיינע זונענדיקע ברעמען...
און ווי די הימלען מיט די בערג כ׳גיס זיך צונויף,
צום טאַטן אויף אַ וואָלקן וויים רייט איך אַרויף,
און מיט זיין זונענגאָלדן-קאָם טוט מיר פֿאַרקעמען.

אזוי פֿאַרטרייבט די פֿינצטערניש פֿון פֿעכיק נאַכט.
— מיין קינד, צו לאַנג האָסטו געוווינט אין נעפּל-הילע.
די גרויע שאָטנס ערשט פֿאַרלירן שוואַרצע מאַכט, —
איך הער דעם טאַטנס-מאַמעס שטימע זאַפֿטיק שטילע.

מיין האַרץ קוועלט אַז ווי יונג-צעקנאָספּענדיקער קוסט.
מיט אייגן אויג כ׳פֿאַרנעם מיין שטראַלנדיק געזיכט;
און ווי אויף שבת מאַמעס חלה, יווירט מיין ברוסט,
ווי אַ פֿרילינגדיקע לאָנע, ווער איך אויפֿגעריכט.

אַ חלום

ווי אַ בוים אין וואַלד דעם טיפֿן
ליג איך איינגעהילט אין שלאָף,
חלומען זיך מיר חלומות
אָן אָן ענד און אָן אַ סוף.

ווי אַ וואַלד ביים ברעג פֿון וועגן
לאַנגזאַם דרייט זיך מיין געדאַנק.
שפּיצן ביימער ציִען שליאַכן —
דאַנק איך גאָט פֿאַר זיין געשאַנק.

נעמט דער רויטער מזרח פֿלעכטן
דינע פֿעדעמלעך פֿון גאָלד,
שניטער, כ׳זע, טוט צווייגן שעכטן...
פֿליסטערט וועג: דו, האָב קיין שרעק.

מיט אַ נעפּל־שליאַך פֿאַרצויגן —
שרעק איך זיך און שריי און שריי:
כמאַרע ווערגט דעם רעגן־בויגן
פֿון מיין חלום אין מיין שלאָף.

1965

אַ געבעט

אָ, גאָט, דו גרויסער, לעבעדיקער גאָט!
איך האָב געהיט דיין הייליקן געבאָט,
און דו האָסט גאָר מיט פּיין מיך אָנגעטרונקען.
אין מיינע אויגן טראָג איך טרערן פונקען.

דו בורא עולם, באַרמהאַרציק גאָט,
וואָס האָט מיט רחמים וועלט באַשאַפן!
פאַר וואָס באַשטראָפסטו מיך אַזוי,
אַ פרוי אַליין, אָן שוץ, אָן וואָפן.

ווו איז מיין פייערדיקער מליץ־יושר? האָלטסט אים דאָרט ביי דיר?
גבריאל איז דאָך מיט אַ פלי קיין לאַנד מצרים אָפּגעפלויגן,
אַ שטיק־וואַנט, ווו אַ קינד געווען איז איינגעמויערט,
האָט געבראַכט;
און משה רבנו האָט דיין פאָלק פון קנעכטשאַפט־הויז
אַרויסגעצויגן.

אַצינד איך שטיי און פרעג ביי דיר, מיין ליבער גאָט!
אַ פרוי, אָן איינזאַמע, איז דאָך אַ גאַנצע אומה...
ווו איז דיין גבורה, ווו איז דיין חסד און דיין גנאַד?
איך רייד פאַר דיר, מיין גאָט, פאַר מענטשן כ׳בין אַ שטומע...

פאַר וואָס אַזאַ שטראָף?

אָ גאָט! כ׳נעם אַלע דיינע שטראָפן,
איך ווייס ניט: האָב איך זיי פאַרדינט?
מיט אַ נשמה האָסטו מיך באַשאַפן,
מיט דעם וואָס מיך צו דיר פאַרבינדט.

אָ גאָט! מיין צער איז אַזוי גרויס!
אין שלאָף שרעק עפנט מיינע אויגן,
דיין גאַנצע גרויסע ליכטיקייט איז אויס;
האָט נאַכט די שטערן אויסגעזויגן?

פאַר וואָס די שטראָף? ווי גרויס איז מיין זינד?
מיין גלויבן איז דאָך שטאַרק געווען —
אַ פאָטער ביסטו פון חסד צו דיין קינד —
פאַר וואָס דיין גנאָד האָט מיך פאַרזען?

מיין גאָט

געהייליקט דעם אָנדענק פון תמרהלען *

מיין גאָט! האָסטו געלייענט חיהס בריוו?
זי האָט געשריבן צו איר ברודער אין דעם הייליק־לאַנד.
איך האָב אים יאָ געלייענט און איצט פרעג איך, האָסטו אויך?
מיין לייב איז אייזיק־גליווער, איך פאַרליר שיער מיין פאַרשטאַנד.

ביסטו פאַראַן? האָסטו אַלץ צוגעזען, איז וואָס האָסטו געטראַכט?
דו, דער באַשעפער און דער שיצער פון דער גאַנצער וועלט,
האָסטו צוגעקוקט ווי די אַלטע באָבע מיט איר קערפּער האָט
געשיצט דאָס קינד,
אַפילו פאַר אַזאַ תמרהלען האָסטו זיך ניט איינגעשטעלט?

צו לייענען די גרויליקע ווערטער שעם איך זיך.
איך בייג מיין קאָפּ גאָר טיף צו דער פאַרפלוכטער ערד.
איך שעם זיך צו טראַכטן, אַז איך בין אַן אָפּשטאַמלינג פון
דיין באַשאַף.
תמרהלע, תמרהלע! צעטראָטן ביסט געוואָרן פון צעיושעטע
גערמאַנען־פערד.

דו באַרעמהערציקער, גאָט־פאָטער, האָסטו עס צוגעזען,
און גייסט אָן מיט דיין לעבן, פונקט ווי יעדער שטיקל מענטש טוט?
איך בין דיין קינד, און דו — מיין פאָטער, איך שעם זיך פאַר דיר.
און זיכער האָסטו דאָך זיך ניט געקוויקט מיט קינדס, מיט
תמרהלעס בלוט!

* 15טן דעצעמבער „היימיש", 1957, נומער 7(8). חיה עלבוים דאַרעמבום, תל־אביב,
„אַ בריוו צום ברודער".

מוטער רחל

I

מוטער רחל, נעם דעם געוויין פון דיינע קינדער,
טראָג אים צו גאָט אין טרער פון דיינע אויגן:
שטרעק אויס דיינע באַשיצנדיקע הענט —
ווי ביים לעבן האָט דיין געבעט צו גאָט זיך געצויגן.

מוטער רחל, הגר איז שׂרהס דינסט געווען,
געלאַכט האָט מען פון איר ביטערן צאָרן,
און דאָך איז איר געבעט אין מדבר
פון אייבערשטן דערהערט געוואָרן.

דערהער דעם געוויין פון דיינע קינדער,
ער רייסט זיך צו דיר דורך שטומע קאַלטע ווענט,
אַ מוטער איז דאָך קיין מאָל ניט טויט...
אַ׳ נעם אונדז אַריין אין דיינע באַשיצנדיקע הענט!

1966

II

איך האָב, מיין הייליק לאַנד,
אין טרוים געקושט דיין זודיק זאַמד.
איצט איבער שטורעם־ים אין וואָר געקומען בין אַהער
און שטיי און קוק און פרעג זיך — ענטפערן איז שווער.

מיין האַרץ אויף זיבן שפּליטערס איז צעבראָכן,
מיין נשמה, ווי אַ קרוג, איז אָנגעגאָסן פול מיט ווייען־אָכן.
איך זוך דיך, מוטער רחל, אויף די וועגן פון בית־לחם,
ווי אַ קליין קינד, וואָס זוכט דעם שבת־יום־טוב אין דער וואָכן.

ווּ זיינען דיינע הענט, וואָס איבער אונדזער הימל האָבן
זיך געצויגן?
איך שפּיר דיך, מוטער רחל, ווי די אותיות פון פאַרברענטע
ספרים ביסט פאַרפלויגן.

אַ געבעט

מיינע שוועסטער, לאָמיר ווי ירושלימס טעכטער
אָן חשק אָנטאָן אונדזערע שענסטע קליידער,
יום־טובדיקע אָפּריכטן אונדזער געבעט צו גאָט,
ווי פֿאַרצייטן אויסגיסן אונדזער האַרץ פֿאַר אים.

און זאָגן: „אַ לויב צו דיר, גאָט.
דו האָסט באַוויזן שיינקייטן אויפֿן הימל,
וואָס האָבן ליכטיק געמאַכט אונדזערע אויגן —
באַווייז שיינקייטן אויך אויף דער ערד".

און אָן מורא זאָלן מיר זען דעם אויפֿגאַנג פֿון פֿרימאָרגן.
און מיט זינגענדיקע לעפֿצן רימען דיין נאָמען.
לאָמיר זאָגן די ווערטער פֿון ירושלימס טעכטער:
„דו ביסט אונדזער שיצער, און דו ביסט מיט אונדז, גאָט".

1943

היים און לאַנד דער ווינט צעבלאָזן

היים און לאַנד דער ווינט צעבלאָזן,
שווימט מיין שיף אויפן ים.
דאָרטן אויך וועל זיין אַ פרעמדע,
און אויך מיין אייגן שטאַם.

נייגט מיין ברעם מיין קאָפּ אַראָפּ,
איך הער: דער ים רוישט און רוישט,
טראָגן כוואַליעס חלום מיינעם
באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ.

פון דיין באַריר איך בין געפאַנגען,
צאַפּל ווי אַ פיש אין ים —
צו אַן אויסגעבענקטן חלום,
צו דעם חלום פון מיין שטאַם.

צו מיין שיף איז קיינער ניט געקומען,
כ׳שטיי אַליין ביים ברעג פון ים.
ווי די שיף פאַראַנקערט קרום —
לאָז מיך שטיין און שווייגן שטום.

ביים כנרת

פרישקייט פון פרימאָרגן
פורעמט־אוים אַ ים.
אָטעמט־אויף אַ ווונדער
באַרג און טאָל — מיין שטאַם...

כנרת, כנרת, אין דיינע טיפענישן
גאָטס פרייד אָט ליגט פאַרטרערט.
כנרת, כנרת, זיין יצירה צו פאַרחתמען
דיר און דיין נאָמען איז באַשערט.

בוזעמט זיך דיין נאָמען יונג און יינגער.
מיסטיש קוואַל קוועלט־אָן און פליסט,
צייכנס דריי פון געטלעך פינגער
יידיש־לאַנד מיט גרענעץ שליסט.

דינער שאַרף, מלאכים פליגלען,
פרידן־שלייערס וויקלען דיך אַרום.
שטייען פון פאַרצייטנס עדה יידן
ריידן צו דיר שטום.

דאָך דו הערסט געשיכטע־קולות,
גלות־אומעט האָט פאַרביי געצויגן.
תקופות גייען אויף משקולות,
איבער בערג און איבער טאָלן.

דורות יידן ציען, ציען,
טרערן דיינע שנורן־וועגן, ציון.
מדבר־פעלזן זינגען,
דודס האַרפן שפּילן.
כנרת, כנרת, זאָג מיר, איז עס אמת —
איז עס טאַקע גאָטס ווילן?

אַ טאָג אַוועק

עס איז אַ טאָג אַוועק,
אַ צווייטער מוז גלייך קומען,
עס ווילט זיך גלויבן אין דעם מאָרגן
וואָס וועט אויפגיין ווי אַ זאַנג אין פרימאָרגן.

דורך בלויען הימל, נאָך אַ מאָל
צו דיר איך טראָג מיין שטיל געזאַנג.
טאָ הער מיין רוף פון טיפן טאָל,
פאַרנעם דעם ציטער פון דעם קלאַנג.

אין קיינעמס לאַנד

די נאַכט פירט מיך צו אַ שטיבל צו,
וואָס ברענט מיט אַ געל פייערל אין קיינעמס לאַנד.
דאָס שטיבל פון אַ הבדלה־ליכט באַלויכטן —
לייגט אַ געלע לאַטע אויף געלן זאַמד.

אַ מענטש מיט אַ ווייסן קאָפּ
שטייט אין שטיבל באָרוועס אויפן דיל.
איך גיי אַלע נאַכט צו דעם שטיבל צו,
און וויין מיט אים אין דער שטיל.

איך קוק דעם מענטשן מיט מיינע אויגן אָן,
מיינע אויערן הערן ניט קיין רייד —
ער האַלט פון מיר זיין בליק באַהאַלטן;
מענטש, ווער האָט פאַרצוקט דיין פרייד?

מיט דער האַנט זיינע אויגן צוגעדעקט,
און די הבדלה־ליכט טוט ער האַלטן,
ווי אַ תפילה פאַלט זיין הייסע טרער
פון אונטער זיין ברעם דעם קאַלטן.

איין נאַכט האָב איך זיינע אויגן אָפּגעדעקט.
ער האָט די הבדלה־ליכט מיר געגעבן האַלטן,
איך בין אין דעם שטיבל געבליבן שטיין,
און ער איז אַוועק צו דער וועלט מיט גוואַלטן.

פינגער פּויקן

פינגער פּויקן אין מיין פענצטער,
דאגות־קנייטשן שניידן אויף די שויבן,
אַ שאָטן פון געשטאַלט
האָט זיך פאַר מיין פענצטער אויפגעהויבן.

מיר דוכט, איך קאָן שוין לאַנג דעם מענטשן,
זיין קול נאָך העלט אין מיין געהער,
וואָס זשע פּויקט ער אין מיין פענצטער?
זיין נאָמען צעשטראַלט זיך אין מיין טרער.

די בענקשאַפט טראָגט מיך צו צום פענצטער,
אַ פריידיקע מידקייט שטרעקט מיינע גלידער,
פינגער פּויקן, פּויקן, פּויקן —
מיטן פּנים פאַל איך צו זייער באַריר אַנידער.

איך קום

איך קום דיר אַנטקעגן, מיט נשמה און גוף,
איך טראָג זיך איבער בלינדע וועגן אַ שאָטן אין דער נאַכט.
דער גרויער באַגינען פאַרווישט די שפּורן פון מיין טראָט —
איך האָב זיך דערטראָגן, צו דיר זיך געבראַכט.

מיינע הענט, וויינענדיקע צווייגן צוויי,
הענגען אויף דעם הענטל פון דיין טיר,
מיינע אויגן קריכן דורך שפּאַלטן פון די שוועלן,
צעעפענען די טיר, וואָס שטייט צווישן דיר און מיר.

דו גייסט פאַר מיר אויף, איך זע דו קומסט —
אַ געזאַנג נעמט זיך זינגען, אַ ליכטיקייט זיך שפּינען —
איך הער דיין קול אין גראָז, — פון שוים פון דער ערד
שפּראָצט דיין ניגון ווי דער זוניקער באַגינען.

ביסט געקומען

איז מיין צימער קליין ניט היימיש.
מיינע אויגן צו דער טיר געווענדט.
כ׳האָב מיין קאָפּ נאָר אויפגעהויבן —
און מיין ליבן פריינד דערקענט.

אַלע זאָרגן — ווי פון זיך צערונען,
שטילע פרייד גייט אויף אין מיר.
קום צו מיר, קום, פריינד, דו מיינער!
וואָס זשע שטייסטו ביי דער טיר?

האָסטו ליכט מיר אָנגעצונדן.
ס׳שיינט מיר, ווי דו שיינסט, דער אָרט.
וואָס-זשע שווייגסטו, פריינד, דו מיינער,
כ׳בענק שוין לאַנג נאָך דיינם אַ וואָרט.

די האַלבע לבנה

גאָט אין הימל איז אַ דיכטער —
די האַלבע לבנה צו אונדז זיין ליד.
פאַר אַ פינטעלע ער שטעלט אַ שטערן,
זינגט אונדזער גאָט און ווערט ניט מיד.

די לבנה זי רעדט פאַר אונדז ביידן,
און מיר הערן ניט קיין ווערטער.
זי פאַרוואַרפט דעם קאָפּ פאַר גליק —
וואָס זשע שווייגסטו, דו פאַרקלערטער?

אין לבנה־שיין דיינע אויגן טיפער טאָל,
שלאַנק דיין גוף, דיין פּנים ליכטיק ווי קרישטאָל.
און מיין נשמה אַ באַשעפעניש פון דער לבנה —
שרייט און מאָנט די בענקשאַפט פון אַמאָל.

זאָלן מיר ביידע גאָרניט רעדן?
שטומע רייד טוען מיך פריידיק שרעקן.
אַך, ווי שלעכט דו ביסט, מיין ליבער —
דו נעמסט אַ כּעס אין מיר דערוועקן!

זע, אונדזער גאָט ער קוקט צעשראָקן,
וואָס דו זאָגסט זיך אָפּ פון גליק.
די האַלבע לבנה ווי אַ שורה אויסגעשטראָכן —
גאָט אוים דיכטער, ער ווערט גאָט צוריק.

אין שעה פון באַגינען

היינט האָט זיך צעליכטיקט חושך נאַכט.
שטיל צערעדט זיך בוים, גראָז האַלב־פאַרטראַכט,
טרויער פריידיקער באַקליידט מיך זילבער־גרוי;
ס׳ווילט זיך: זאָל מיין טרויער אייביק לויכטן אָט־אַזוי.

כ׳וואָלט חלומות אויסגעשפּונען ציטעריק און שטיל,
פאַרבאַהאַלטן און פאַרהוילן אין מיין האַרצן האַרצנס שפּיל.
וויל איך היינט אַ גאַנצע נאַכט זיין גאַנץ אַליין,
זען דיך אין שעה פון באַגינען אַ צעלויכטנדיקן שטיין.

היינט האָט זיך צעליכטיקט חושך נאַכט
שטיל צערעדט זיך בוים, גראָז האַלב־פאַרטראַכט.
טרויער פריידיקער באַקליידט מיך זילבער־גרוי;
ס׳ווילט זיך: זאָל מיין טרויער אייביק לויכטן אָט־אַזוי.

אין שווערן צער

אין שווערן צער און אָן אַ פריינדס אַ וואָרט,
אין שוואַרצער שעה און אין גרויען אָרט,
ווי נאַר פון סאַמע ווייטן מיך דערזען,
געוואָרפן האָבן שונאים שטיין נאָך שטיין. —
ווען איך די מוטער רחל וואָלט געווען,
וואָלט גאָט פאַרנומען מיין געוויין.

שרייב איך אַ בריוול צו אַ גוטן פריינד:
מיין צער אַרויסריידן איך האָב געוואָלט:
מיין עלנט אי פון נעכטן אי פון היינט
מיט ציטערדיקע ווערטער אים פאַרציילן,
מיין ווייטאָג פון זיין שאָלעכץ אַרויסשיילן —
מיין איינזאַמקייט מיט שוויגן כ׳האָב געמאָלט.

מיין ווייטאָג אָבער האָט ער ניט פאַרנומען,
ער איז צו ביטער פאַר זיין גומען, —
ער׳ט ניט געוואָלט מיין שטום געשריי דערהערן,
עס זאָל זיין שבת־רו אים ניט פאַרשטערן.
ווען איך די מוטער רחל וואָלט געווען,
וואָלט גאָט אַליין פאַרנומען מיין געוויין.

פיר ווענט

איך ווין צווישן פיר ווענט אויסגעמויערט פון קעלט,
ווי אַ שטוב אָן פענצטער צו דער וועלט.
אָ, גאָט, איך בעט, איך פרעג:
פאַר וואָס פאַרשניידסטו מיך ווי מיט דער שאַרף פון זעג?

מיט גרויע כמאַרעס דעקן צו די נעכט
מיין אָפּגעשפּאָלטענעם געמיט;
איך קני און נידער צו דער ערד,
און שטום ווערט מיין געבעט.

און ווי אַ נעבעך־שטערן
לעשט מיין האָפענונג זיך אוים.
אַלע מיינע טרוימען שטאַרבן אָפּ אָן קלאַנג אָן טאָן.
אין ווייסן קלייד איך טו זיך אָן,
און צו זייער לוויה גייען: איך און דער פאַרבאָרגענער טאָג.

צו דיר...

און כאַטש דײַן אַדרעס איז אַזוי גוט ווי פֿאַרלאָרן,
איך האָב דיך אַלץ ניט אָפּגעמעקט פֿון מײַן זכרון.

דײַן האַרץ האָט קיין מאָל ניט געשפּירט מײַן פּײַנפֿול ווײ,
דײַן אויער ניט דערהערט מײַן תּפֿילהדיק געשריי,
דאָך אין מײַן טיפֿן הימל שטייען מזרחדיקע פֿענצטער אָפֿן
פֿאַר דײַנע בליקן... אין זיי אַרײַנשײַנען דו ווייסט. איך טו אַלץ האָפֿן.

מיר דוכט, אָט קומסט אַרײַן; און ווי אַ מאָל, אין די גאָר
גוטע צײַטן,
מײַן ליבשאַפֿט ציטערט אויף און בענטשט דאָס ליכט פֿון
בלויע ווײַטן.

און ווי איך זיץ אַזוי, דערזע איך אויגן פֿול מיט סודות,
וואָס פֿון פֿאַרליבטער גאַרונג, נשמהדיק באַגערונג זאָגן עדות.
און, ווי אַ דאָרשטיקער צום קוואַל, צו דיר זיך שטרעקן
מײַנע הענט,
וואָס שוין פֿון פֿילע יאָרן פֿילן זיך פֿאַריתומט און פֿאַרשעמט.

און כאַטש דײַן אַדרעס איז אַזוי גוט ווי פֿאַרלאָרן,
איך האָב דיך אַלץ ניט אָפּגעמעקט פֿון מײַן זכרון.

היינט

היינט וויינט מיין אויג די לעצטע טרער.
דיין וואָרט געפאַלן, ווי אַ בלייען וואָלקן שווער,
אין מיר פאַרגליווערט יעדן גליד,
ווי אַ לאַנצעט דיין זאָג האָט מיר געטאָן אַ שניט.

איך קלייב פאַרוואָרלאָזט זאַנגען אין פאַרשניטן פעלדער.
און זוך דיין לייכטן שפּור אין גרינעם מאָך פון וועלדער.
אַן איינגעהילטע אין מיין טיפן שטומען טרויער,
קום איך צוריק און שטעל זיך ביים פאַרמאַכטן טויער.

עס זעצט זיך, ווי אַ לבנה-שטראַל, אויף דיינע ברעמען
מיין תפילה, וואָס איין גאָט אין הימל טוט פאַרנעמען.
ווי צווייגן וויינענדיקע פון דעם ווערבע-בוים
אַזוי פאַרכליפּעט נויגט צו דיר מיין עלנט טרוים,

און טריפט מיט אומעט-בענקשאַפט, ווי די טראָפּנס רעגן,
וואָס פאַלן אויף פאַרווירטע בלאָנדזשענדיקע שטעגן. —
טעג מיינע אויסגעשעפּטע שלעפּן מיך טויט-מיד, —
און דאָך אין זייער טראָט עס הילכט מיין ליבע-ליד.

גערוואַלט פֿאַרגעסן

איך האָב דיך געוואָלט פֿאַרגעסן:
מיין האַרץ, ווי אַ בלעכענע קוואָרט,
זאָל נעמען קלינגען לער —
און זאָגן דיר דאָס לעצטע וואָרט.

איך האָב געוואָרט, געוואָרט און כ׳קאָן ניט מער.
אויף אַ וועג אַ שטילן דיך באַגעגענען,
דאָס האַרץ זאָל אַ צוק-טאָן, בלייבן שטיל —
איך מוז מיט דיין נאָמען זיך געזעגענען!

אָבער מיינע ליפּן רופֿן ווי פֿון זיך:
„דיין נאָמען איך וועל אין טיפֿעניש באַהאַלטן,
דורך שלאָפֿלאָזע נעכט איבער אים וואַכן,
ער וועט ליגן ווי אונטער אַ שניי אַ קאַלטן״.

ווי קלאָר דורך נאַכט דער רוף נעמט קלאָגן:
וויי, וויי ווי ס׳איז מיר שווער!
ס׳וועט מיין האַרץ שוין מער ניט שלאָגן —
דיין נאָמען טרינקט זיך אין מיין לעצטער טרער...

ה. לייוויק

דו ביסט צו אונדז אומגעריכט געקומען,
ווי אַ פּאַרצייטיקער נביא מיט שטילע טריט.
פֿאַר דיין פֿאָלק אַן אויסוועג צו געפֿינען
האָסטו אין מדבר־זאַמד דיינע פֿיס געבריט.

דער באַשעפֿער פֿון פֿאוסט האָט פֿון יונגפֿרויס בלוט
צום אייביקן געראַנגל פֿאַרנומען דעם רוף —
דו מיט פֿרווי אין געראַנגל האָסט אַן אויסוועג געזוכט,
שניידנדיק בלוט־פֿאַסן אין אייגענעם גוף.

פֿון ווייטיקן אַ דורכגעלייטערטער,
מיט וועלט־צער דיינע אויגן פֿאַרדעקט,
האָסטו פֿון ליידנס־אָפּגרונטן פֿון האַרצן —
זעונג נאָך זעונג אונדז אַנטפּלעקט.

דו האָסט פֿון חלום זיך אויסגעפּייניקט אַ געשטאַלט,
און מיט חלום־געשטאַלט געגאַנגען זאַלבענאַנד;
כדי מענטש צו איבערמענטש דערחלומען —
גייט איר ביידע אין געראַנגל האַנט אין האַנט.

אויפֿגעפֿלאַטערט בלוטיק האָט דיין פֿאָן פֿאַר פֿרייד —
דיין געשטאַלט האָט זיך דערלאַנגט דעם פֿאַרשפּראָכן לאַנד.
און דו? — מיט דערלייזונג־ברכה אויף דיינע ליפּן,
געבליבן הענגען איז דיין בענטשנדיקע האַנט.

יידיש

האָט מענדעלע די קליאַטשע צו אַ בויד צוגעשפּאַנט
און זיך געלאָזט אין אַ נסיעה איבער יידיש־לאַנד,
אַ לאַנד פון חורבה — און דלות־שפּראַך —
האָט אָט די נסיעה געטאָן אַ וווּנדער־זאַך:

אין דער חורבה, אין רעכטן מיט,
האָט אַ בוים זיך צעצווייגט און צעבליט.
אָט אַזאַ וווּנדער ווער האָט געזען? —
עס איז נאָך אַ גרעסערער וווּנדער געשען:

אויף זיינע צווייגן מעשׂיות זיך וויגן,
און בלעטער זיך שפּיצן, ווי פינגער אויף קלאַווירן,
און שפּילן אַ יידישן ניגון
צו די שטיבער פון יידישע טירן.

נאָך מענדעלען — שלום־עליכם און די פּרץ־משפּחה
האָבן אין דער חורבה געבראַכט מזל־ברכה.
אוים חורבה — אַ פּאַלאַץ, אַ שפּראַך פון כל־טוב,
אַ שפּראַך מיט נשמה, אַ שפּראַך מיט אַ גוף.

היינט זיצן אַרום טיש יידן פון דער גמרא,
קנייטשן די שטערנס, גלעטן די בערד:
אַ פּשטל אַהין, אַ פּשטל אַהער — אַ סברה,
געוועז איז די קליאַטשע שוין גאָר ניט קיין פערד!

צו אַ פֿרײַנד

מײַן פֿרײַנד, ניט איבערפֿיל דײַן האַרץ מיט זאָרגן,
וואָס כ׳גיי פֿון דיר אַוועק.
מײַן לעבן, ווי דער הימל איז פֿאַרבאָרגן;
און ווי די וואָלקנס ערגעץ טראָגן,
טראָגט מיך דאָס לעבן ווײַט פֿון דיר אַוועק.
איך האָב זיך שטענדיק, שאַטנדיק פֿאַר דיר אַרומגעטראָגן,
ווי דורך אַ נעפּל, ניט אַנטפּלעקט,
האָסטו מײַן צער, טיפֿן צער, אין מיר קיין מאָל ניט אַנטדעקט.

איך און מיין שאָטן

דער גורל האָט אונדזביידן פֿאַרצווילינגט,
אין שטורם־ווינט געוואַקסן ביימער, קרומע צוויי.
טעג האָבן זיך געהוידעט, און יאָרן געהורבעט —
פֿאַרקריפּלט האָט אונדז ביידן דער ווילדער זאַווײ.

טעג און יאָרן זענען אויף קוליעס אַוועק,
ווי זעלנער פֿון שלאַכטפֿעלד אין וויסטן געיעג.
איך און מיין שאָטן אויף ווענט געוואָגלט,
זיך געוויגט און געוואַקלט אין ווייטיק פֿון שרעק.

טעג, יאָרן מיינע, ווי אָקסן אין סאָכע,
האָט איר מיך און מיין שאָטן דערשלעפּט ביז טויט־מיד!
טעג, איך צעריים מיט אייך מיין לעבנס־בונד,
דורך אָט דעם געזעגענונג־ליד.

דיין נאָמען

דיין נאָמען האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אויף מיינע ליפּן —
ווי אַ בלייענער וואָלקן בלייבט ער הענגען שווער,
מיינע ליפּן ווי קאַלטע פֿאַרפֿראָרענע שוועלן —
בלייבט ליגן אַ פֿאַרגליווערטע טרער.

שאָטנס ציִען ווי פֿינצטערע כמאַרעס —
שאָטנס פֿון טעג פֿאַרלאָשענע שפּאַרן געדיכט.
טעג מיט שוואַרצע קעפּ קריכן פֿון נעפּל,
דיין נאָמען קאַרטשעט זיך אויף מיין געזיכט.

אַ האַנט

אין אַ פינצטערער נאַכט
ציט צו מיר אַ ביינערדיקע האַנט;
און בלייבט הענגען איבער מיר,
בעט ווי אַ בעטלער אַ גראָשן ביים טיר.

וועמעס האַנט? וועמעס האַנט?
אַ רגע דורך יאָרן לויפט אויף צוריק:
אַ האַנט האָט געציטערט — געחלשט —
געוואָלט מיט מיר טיילן איר גליק.

די פאַרשטויסענע האַנט אויף מיינע פּלייצעס
בלייבט הענגען, ווי אַ טאָרבע מיט צער...
אַט ליגט די האַנט אויף דער ערד,
און עס וויינען די פינגער ביים ליכט פון פּאַנאַר.

איך וויל קניִען צו דער האַנט —
אַ שוואַרצער שאָטן פלאַטערט ווי אַ שלייער;
און ס'צעהוידעט זיך פאַר מיר זיין געשטאַלט —
אַ פאַרשלייערטער אין טרויער.

איך — בלאַס און צעשראָקן פאַר מיטלייד און לייד
שטרעק מיינע פינגער צו דער וויינענדיקער האַנט;
קנוילן זיי וויטיק פאַרגליווערטערהייט — — —
בלייבן ליגן צוויי הענט ביים צעבראָכענעם פּליִט.

טרויער

אַ שמייץ פון בייטש, אַ קאַרב מיין שטערן ט׳איינגעשניטן,
און ווי אַ רייף אַ פּאַס, אַ קלעם נעמט מיך אַרום.
הגם די ליפּן רופן צו דער קללה: „קום!“
דאָך ליגט זי דאָ פאַרשמאַכט, פאַרגליווערט שטום.

פון מיין נשמה טיר און פענצטער ט׳אויפגעבראָכן
און גאווהדיק אַריינגעטרעמפּלט אין מיין וועלט —
און דאָרטן אַ טעאַטער-בינע אויפגעשטעלט,
דער שוישפּילער מיט גרוילן-מאַסקע זיך פאַרשטעלט...

לידער און מעשהלעך פאַר קינדער

זומער־לעב

שמשון מלצרס אייניקל אַ מתּנה

פּרימאָרגן־הימל. וואַלד און גראָז.
פון אונטערביימער שפּרינגט אַ האָז.
זיינע אויגן פול מיט גלאַנץ —
אין פרישן גראָז ער גייט אַ טאַנץ.

זינגט אַ פויגל: צווים און צווים;
וועקט די צווייגעלעך און פליט.
קוקט זיך ס׳פייגעלע אַרום —
קינדער שטייען, גאַפן שטום.

טראָגט זיך ווינטל הין און הער,
פאַלט אַראָפּ דער טוי — אַ טרער.
וואַרעמט זון די צווייגן אוים,
קושט פון בלאַט די טרערן אוים.

אין אַ ווינקל, ווייט פון געסט,
וועבט אַ שפּין פאַר זיך אַ נעסט.
און דאָס וואַסער, אונטערן בריק,
שפּילט מיט גרינעם שטראַלנשטריק.

טראָגט די זון זיך ווייט אַוועק
אַריבער טאָל, אַריבער בערג.
קייקלט טאָג זיך אין דער נאַכט —
ווערן שטערן אויפגעוואַכט.

קינדער־בילד

רעגנדל, רעגנדל, רעגנדל גייט,
פול ווערן די גאַסן מיט קינדערשער פרייד.

רעגנדל, רעגנדל, רעגנדל, גייט,
קינדערלעך שפּרינגען און פלעכטן אַ קייט.

ליפּעלעך פּולינקע שרייען האָפּ־האָפּ,
פּיסעלעך בלאַנקינקע פּלוסקענען זיך אָפּ.

ריטשקעלעך שלענגלען זיך פרישינקע פּיל,
פירן זיי שיפעלעך פרידלעך און שטיל.

רעגנדל, רעגנדל, רעגנדל גיי,
קינדערלעך בעטן מיט תּפילה אַזוי.

שיין איז אַ קינד

שיין איז אַ קינד ווי די וועלט,
פֿאַרביק־ריין, ווי אַ בלימל אין פֿעלד.

צוויבעריק־מילד, ווי אַ לויטערער שטראַל,
לויכט און צעלויכט די שטוב איבעראַל.

ווי אַ פֿייגעלע זינגט און טרילט אומעטום,
גליִען די אויגעלעך זינגענדיק אַרום.

יעדער שמייכעלע ליכטיקט און העלט,
ווי אַ ווינטל, וואָס שפּילט זיך און קוועלט.

ווינטער־פרייד

יאָגן זיך ייִנגעלעך,
קינדערלעך, שטיפּערלעך,
פירן די שליטעלעך
באַרג־אַרויף — באַרג־אַרויף.
ציִען די גופּימלעך
אויס אויף די שליטעלעך,
לאָזן זיך, לאָזן זיך
באַרג־אַראָפּ — באַרג־אַראָפּ...

שורותווייז יאָגן זיך
ייִנגעלעך, קינדערלעך,
שטימעלעך, קעלכעלעך,
קלינגען ווי גלעקעלעך:
שנייעלע, שנייעלע,
טייערער גאַסטעלע,
שיין איז דיין ווייסינקע,
ווייסינקע וועלטעלע!

שפּילן קינדער

מיין פלימעניקל אַ מתנה

שפּילן קינדער אין אַ שפּיל,
טראָגן עמערלעך זאַמד פּיל;
שפּילן אַזוי לאַנגע שטונדן,
איינגעטיילט אין סוחרים, קונדן;
און די פּנימלעך פאַרברענט,
לאַכן פריידיק אומפאַרשעמט.
דער טאַטע אויפן גאַניק שטייט,
רעדט צו זיי פאָטערלעכע רייד:
„שפּילט זיך קינדער, רויִק, שיין,
אָן געפּילדער, אָן געשריי;
דאָ איז אייער אייגן היים
שפּילט זיך — שפּילט זיך אָט אַזוי".

בלויער הימל, געלער זאַמד,
טאַנצן קינדער האַנט אין האַנט;
ווי אַ בונטע בלומענבייט,
דרייען, דרייען זיך אין ראָד;
טאַנצן אויס אַ קאַראַהאָד,
און די מאַמע אין דעם הויז,
פאַר זיי קראַנצן פלעכט דאָרט אויס.
קומען קינדער פון דער שפּיל,
זעען, זעען קראַנצן פּיל,
קושן זיי די מאַמע אויס,
און מיט פרייד ווערט פול דאָס הויז.

אַ פרילינג־געזאַנג

גרינינקע גרעזעלעך,
בליִענדע ביימעלעך —
פריידיקע, ליכטיקע,
זינגענדע וועלטעלעך.

טויִקע טראָפּנדלעך
שפּיגלען אויף בלעטעלעך;
זויבערדיק־ריינינקע,
זויבערדיק־שיינינקע.

פעלדער פול בלימעלעך
בלאַנקען, זיך וויגנדיק;
קינדערשע הערצעלעך
גריסן זיך שׂמחהדיק.

אַן אורח אויף שבת

ס׳איז פרייטיק היינט. אין שטוב איז קיינער ניט געווען.
אין פענצטער האָט געקלאַפּט, געקלאַגט אַ דראַבנער רעגן.
אַ קראַנקע איך בין אויפן בעט געלעגן
און פלוצלונג כ׳האָב אַ גאָלדן פייגעלע דערזען.

עס שטייט און פּיקט די ברעקלעך פון מיין טיש.
איך קוק עס אָן מיט פאַרשנדיקע אויגן,
און פרעג: צי האָסטו מיר געבראַכט אַ גרוס?
צי האָט דיך ווער געשיקט, צ׳אַליין אַריינגעפלויגן?

האָסטו געבלאָנדזשעט, אָדער גלייך צו מיר געטראָפן?
ביסטו געקומען היילן מיך, פּיליכט גאָר שטראָפן?
עס שווייגט דאָס אורחל און ענטפערט ניט קיין וואָרט.
און שטייט ניט איין קיין איינציק רגע אויף אַן אָרט.

דער טאָג פון פרייטיק ט׳זיך געצויגן
און ערשט צום סאַמע סוף פאַרפלויגן.
האָט וואָס פּאַסירט? וואָס ט׳זיך פאַרלאָפן?
אַ נס איז דאָ אין הויז געטראָפן.

דער אורח אַ רפואה שלמה האָט געבראַכט.
איך בין געזונט. — — — מיטן אָנקום פון פאַרנאַכט
דאָס לייענען קריאת-שמע ער האָט ניט פאַרבויגן;
פאַרוואָרפט דאָס קעפּל און מאַכט צו די אויגן.

אויף מאָרגן האָב אַ שטייגעלע פֿאַר אים געקראָגן.
געשטעלט אים וואַסער, קערנדלעך אויך צוגעטראָגן.
אין שטייגעלע דער אורח איז אַריינגעקומען.
אַ מערעלע, אַ ביסקוויט. — זיסקייט פֿאַר זיין גומען.

אַ בוים

אַ בוים האָט אַ ביימעלע פאַרחלומט:
— גענוג געוואָרט און פרוכט ניט געגרייט!
האָט בוים מיט נאַטור געמאַכט שלום,
און צווייגן געשטרעקט און בלעטער געשפּרייט.

— זאָל מוטער־נאַטור ניט האָבן פאַראיבל,
וואָס עלטער וויל זיך פרייען אין רו!
זאָל מיין גרינקייט באַצירן דאָס שטיבל,
אין מיין שאָטן — זיך שיצן די קו.

און ווען פאַרטאָגיק ווינטל וועט נישטערן
נאָך מיין ניגונדל, וואָס שלאָפט ביי נאַכט,
וועלן מיינע בלעטער אין די שויבן פליסטערן:
— אַ גוט־מאָרגן, ליבע קינדער, דערוואַכט.

און וועל איך זוכה זיין צו טעג אַזוינע,
— ווען ביימל מיינס וועט פיבערן מיט גרינס —
וועט יוגנט ניט שטיין פאַר מיר ווי אַ שונא,
מעג מיר שפּינען דער טויט זיין געשפּינס...

אַ פייגעלע און אַ הונט

אַ פייגעלע איז געפלויגן פון איין צווייג אויף אַ צווייטן און איז אַרונטערגעשפּרונגען אויף אַ הונט, וואָס איז געשלאָפן אונטערן בוים. דער הונט האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער און פון כעס געוואָלט אויפעסן דאָס פייגעלע. דאָס פייגעלע האָט זיך גענומען בעטן ביי דעם בייזן הונט, ער זאָל עס לאָזן לעבן און זאָל עס ניט אויפעסן. האָט דער הונט געזאָגט צו דעם פייגעלע:

— אַז דו וועסט מיר אויסזאָגן דעם סוד, פאַר וואָס איר פייגעלעך זייט שטענדיק אַזוי פריילעך, וועל איך דיך ניט אויפעסן.

האָט דאָס פייגעלע זיך פאַרטראַכט און געזאָגט צום בייזן הונט:

— ווייסטו, הונט, פאַר וואָס מיר זיינען שטענדיק פריילעך? ווייל מיר טוען קיינעם קיין שלעכטס ניט. מיר לעבן פרידלעך מיט דער גאַנצער וועלט.

דער הונט האָט פאַרריסן די אויבערשטע ליפּ און האָט מיט די צוויי הינטישע אויערן געגעבן אַ טרייסל פאַר כעס:

— אַזוי און אַזוי! — האָט ער געברומט דורך זיינע שפּיציקע ציין — פרידלעך לעבן מיט דער גאַנצער וועלט? און זיך צעהאַווקעט אויף דעם פייגעלע: — האַוו, האַוו, האַוו! — דאָס פייגעלע האָט זיך דערשראָקן און גענומען פלאַטערן מיט די פליגעלעך. דער הונט האָט אויף אים קרום אַ קוק געטאָן. דאָס פייגעלע האָט די פליגעלעך אַראָפּגעלאָזט, איז געבליבן שטיין און זיך געטראַכט: גיי דערצייל אַ הונט וועגן פרידן אויף דער וועלט.

דאָס פייגעלע האָט צעשפּרייט די פליגעלעך, געגעבן אַ פלי אַוועק, זיך געשטעלט אויפן העכסטן צווייג פון בוים און זיך פריילעך צעזונגען...

מייקל דער טרוימער

היינט וועל איך דערציילן אַ מעשׂהלע פון אַ ייִנגעלע אַ טרוימער.

דאָס איז געשען אין אַ שטילן זומער־פּאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך שוין געשאַרט איבער די שפּיצן פון די ביימער און זי האָט געזוכט אַן אָרט אין הימל, ווו זיך צו באַהאַלטן און אָפּטרעטן איר פּלאַץ דער אָנקומענדי־קער לבנה; ווען די זון האָט שוין געהאַט פאַרהוילן אַ האַלבן פּנים אין די וואָלקנס און ברוגזדיק געקוקט אויף דער אָנקומענדיקער נאַכט, האָבן אויך די פייגעלעך מיט פאַרבענקטע אייגעלעך געזוכט זייערע נעסטן, ווו זיך צו באַהאַלטן. די נאַכט האָט זיך גערוקט מיט לאַנגזאַמע טריט; די פייגעלעך האָבן דעם טאָג באַגלייט מיט אַן אומעטיקן געזאַנג, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן ביים טאָג, ער זאָל נאָך שטיין אַ ביסל לענגער, ווייל זיי ווילן נאָך ניט גיין שלאָפן.

מייקל איז געגאַנגען אַהיים פון דער ייִדישער שול. ער האָט געהאַלטן זיינע ביכער און העפטן אונטערן אָרעם. זיינע ברוינע פאַרבענקטע אויגן האָבן געקוקט אין הימל אַריין. ער האָט זיך דערפילט אַזוי גוט, אַזוי לייכט. דער הימל קוקט צוריק אויף אים מיט ליבשאַפט. און פּלוצלונג האָבן זיך זיינע אויגן ווי צעעפנט: ער האָט דערזען אַ וואַלד, וואָס דרעמלט לעבן אַ טייך. און דאָס וואַסער אין טייך איז זיך רויִק געפלאָסן. אין אַ גאָלדן שיפל האָבן זיך אַ סך קינדער געשיפט. די שטראַלן פון די שטערן זיינען געפאַלן אויף דעם שיפעלע און געגלעט די בעקעלעך פון די קינדער, וואָס זיינען געזעסן אין שיפל. די וויאָסלעס האָבן געפּאַטשט, ווי קינדערשע הענטלעך, איבערן וואַסער. מייקל האָט ביי זיך געטראַכט: וואָס פאַר אַ שיינע וועלט דאָס איז! פּונקט ווי די, וואָס דער לערער לייענט אַרויס פאַר אונדז פון די ייִדישע ביכלעך!

אַזוי איז מייקל געשטאַנען אַ היפּשע צייט אָנגעלענט אָן אַ צווייג פון אַ בוים. פּלוצלונג האָט אַ שטערן זיך אַ ריס געטאָן פון הימל און זיך געטראָגן ווי אַ פּילקע צו דער ערד. אַז מייקל האָט עס דערזען, האָט ער זיך אַ יאָג געטאָן כאַפּן דעם שטערן. און אַזוי ווי דער אַרבל פון זיין איבערשטן העמד, וואָס זיין מאַמע האָט אים היינט אָנגעטאָן, איז געווען אָנגעהעקלט אָן אַ צווייג פון בוים, האָט ער זיך געטאָן אַ ריס. מייקל האָט עס ניט געפילט. ווי האָט ער עס גאָר געקאָנט פילן, אַז ער איז געווען אין אַ פאַרחלומטער וועלט?

דערזעענדיק דעם צעריסענעם אַרבל, האָט מייקל אַ טראַכט געטאָן: וואָס זאָל ער טאָן? און וואָס זאָל ער זאָגן דער מאַמען? ער האָט לאַנג ניט געטראַכט, און זיך געלאָזט גיין אַהיים, אַ צעלויכטענער.

אַהיים איז ער ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפן. מיט אַ פריידיקייט האָט ער אָן עפן געטאָן די טיר און גלייך צוגעשפּרינגען צו דער מאַמען, זי אַ כאַפּ געטאָן ביי ביידע הענט און גענומען איר דערציילן די מעשה וועגן דעם הימל, טייך און גאָלדן שיפעלע. די מאַמע האָט טאַקע באַלד דערזען דעם צעריסענעם אַרבל, אָבער שרייען האָט זי אויף מייקלען ניט געקאָנט. מיט ליבשאַפט האָט זי געקוקט אין איר יינגעלעס פאַרטרוימטע אויגן אַריין און זיך צוגעהערט צו דער מעשה, וואָס איר מייקל האָט דערציילט.

אַ פריילעכע איז די מאַמע פאַר איר יינגעלע געשטאַנען און זי האָט געטראַכט: שיין איז די וועלט, און מיין יינגעלע איז נאָך שענער!

דער ליגן

אַ פּרוי אין די מיטעלע יאָרן, מיט אויסגעסטאַרטשעטע באַקנביינער, מיט טיפע קנייטשן ביי די מוילווינקלען בלאָנקעט אַרום הין און הער איבער דער שטוב.

איר געמיט איז קאַלט און פינצטער.

שוין וואָכן, אַז זי הערט ניט און וויס ניט, ווו איר מאַן איז.

אירע דינע ליפּן מורמלען עפּעס נאָכאַנאַנד, ווי זיי וואָלטן ווען אויס־דערציילן פאַר עמעצן איר וויי.

דער הימל, מאַט און ברוגז, הענגט שווער אַראָפּ.

אַ קאַלטער טרויער, ווי דער טרויער פון סוף האַרבסט, טראָגט זיך שטילערהייט פון שטוב.

אין שטוב שטייען צוויי קינדערלעך אויף אַ האַלב־צעבראָכענעם בענקל.

זייערע הענטלעך און פיסלעך זענען בלוי און ווי אָנגעלאָפענע פון קעלט.

די קינדער קוקן אין ווינטערדיקער גאַס אַרויס, ווו שניייעלעך — ווייסינקע, פוכיקע, זילבערנע דימענטלעך פאַלן און פאַלן פון הימל אַראָפּ.

די מאַמע גייט פאַרוווּנדערט צו די קינדער צו.

זייערע קעפּלעך טוליען זיך איינס צום אַנדערן און די פנימלעך ציִען זיך צו דער ניט־אויסגעזעצטער שויב.

— זע, מאַמע, זע! — האָבן די קינדער טאַנצנדיק אויסגערופן אין איין קול.

דער קאָפּ האָט זיך טיפער אַ בייג־געטאָן צו דער שויב.

דאָרט אין דרויסן האָבן עטלעכע קינדערלעך, אין וואַרעמע מאַנטעלעך אָנגעטאָן, געהאַלטן שטיקער ברויט, געשטיפט און געשמאַק געגעסן.

דער מוטערס האַרץ האָט זיך אַ שפּאַלט געטאָן אויף צוויי. אין האַלדז

ביי איר האָבן „פויסטך" זיך אַוועקגעשטעלט. די הענט אירע האָבן די קינדערלעך געקלאַמערט שטייפער צו דער ברוסט און איר קול האָט ציטעריק געפּליסטערט:

— באַלד, באַלד, קינדערלעך, וועט פּאַפּאַ קומען און וועט ברענגען לאַבנס ברויט.

ביי די ווערטער האָבן זיך אירע אויגן געוואַשן פון טרערן, איר האַרץ האָט זיך געפּליקט און געריסן אין שטיקער... שוין צוויי חדשים, אַז איר מאַן איז אַוועק פון שטוב און קיין ברויט איז ניטאָ. דער הונגער לויערט. קיין מענטשנס האַנט קלאַפּט ניט אין טיר...

אין דרויסן זענען שניילעך — ווייסינקע, פּוכינקע, זילבערנע דימענט־לעך — געפאַלן און געפאַלן פון הימל אַראָפּ.

מלכהלע די בת־יחידה

אַ בילד פון אַ ניו־יאָרקער גאַס

מלכהלע האָדעוועט זיך ביי אָרעמע עלטערן. איר טאַטע, אַ טעקסי־פּירער, לעבט אַלע זיינע יאָרן אין דער זעלביקער גאַס. ער איז אַלעמען באַקאַנט אין דער גאַס. ווען עמעצער דאַרף ערגעץ פאָרן, רופט ער גלייך אָפּ אברהמען. אין דער גאַס זענען גראָד פאַראַן נאָך טעקסי־פּירער, אָבער אברהם האָט ביי יעדן נושא־חן געווען. טאָקע צוליב זיין זכות איז אויך מלכהלה ביי אַלעמען באַליבט. דערצו איז זי אַ שיינע און איר באַשיידנקייט גיט איר צו גאָר אַ באַזונדערן חן.

מלכהלע איז אויך אַ געהאָרכזאַמע און גייט קיין מאָל ניט אינערגעץ אָן איר מוטערס וויסן. און אַז מלכהלע גייט אַוועק איז איר מאַמע אומרויק און אַלע ווײַלע לויפט זי צום פענצטער זען, צי מלכהלע קומט שוין צו גיין.

ניט זעלטן פלעגן טאַטע־מאַמע רעדן וועגן זייער בת־יחידה, ווי פון אַ כלה־מיידל. זייער איינציקע האָפענונג איז געווען, אַז די טאָכטער וועט נעמען אַ רייכן מאַן.

איין מאָל דערציילט אברהם זיין פרוי דבורהן, אַז אין גאַס רעדט מען וועגן דעם, אַז זייער מלכהלע טרעפט זיך אָפט מיט באָבי סינגער, דעם רייכן סוחרס זון.

איבער דבורהס פנים צעגיסט זיך אַ רויטקייט. אברהם פאַרטראַכט זיך, דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף דער האַנט. דבורה גייט־צו פון געוווינהייט צום פענצטער און דערזעט אָנקומען מלכהלען.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט ? אָט קומט שוין מלכהלע אַריין.

מלכהלע קומט אַריין ווי שטענדיק אַ פריילעכע און מונטערע. דבורה טוט איר אַ פרעג אין אַ שטילן טאָן:

— קינד מיינס, ווו ביסטו געוועזן אַזוי לאַנג? איך האָב שוין איבער־געטראַכט...

— אַך, מאַמע, — האָט מלכהלע ווייך איבערגעריסן — דו דאַרפסט זיך ניט שרעקן! דו ווייסט דאָך, אַז איך גיי ניט וווהין מען דאַרף ניט. און צווייטנס, בין איך דאָך שוין ניט מער די קליינע מלכהלע, וואָס מען דאַרף זי היטן. איך בין שוין אַ גרויס מיידל.

— אָבער אַ מאַמע, קינד מיינס, שרעקט זיך און טראַכט איבער אַזוינע שרעקלעכע זאַכן! ווען דו ביסט אין שטוב, מלכהלע...

— נו, וואָס זאָל איך טאָן, גוטע מאַמע, אַז איך בין איצט אַזוי פאַרנומען מיט מיין היים־אַרבעט און דאַרף ווידער אַוועקגיין!

און מלכהלע לויפט צו צו דער מאַמען, קושט זי און אירע ליפּן מורמלען שטיל און פול מיט ליבשאַפט: „אַ, גוטע מאַמע מיינע!"

דבורה גלעט מלכהלעס שטערן און די האָר, און איר מוטערס האַרץ ווערט ברייטער און פולער פון ליבשאַפט צו איר טאָכטער און אין אַ ווײַלע שפּעטער רופט זי זיך אָפּ מיט געבעט:

— וווהין, טעכטערל, ווידער? עס כאַטש אָפּ אַפּריער!

— דו ווייסט, מאַמע! — רופט זיך מלכהלע פּלוצלונג אָפּ, — דו ווייסט, איך האָב פריער באַגעגנט באַבי סינגער, האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל נעמען מיינע ביכער און קומען צו אים אין שטוב און צוזאַמען מאַכן אונדזער היים־אַרבעט. ער קען מיר אַ סך אַרויסהעלפן אין דעם.

דבורה קוקט אָן איר טאָכטער פאַרוווּנדערט:

— צו אים אין שטוב? צו די סינגערס?...

— יאָ, יאָ, מאַמע! וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? דו מיינסט אַז דערפאַר, וואָס זיין טאַטע איז אַ סוחר און מיין טאַטע איז אַ טעקסי־פירער דאַרף איך ביי זיך אַרונטערפאַלן?

אין דבורהס אויגן גלאַנצן אַ פּאָר ליכטיקע פריידיקע טרערן.

— טו אָן דאָס נייע קלייד, מלכהלע, און זאָלן זיי ניט מיינען, אַז אַ טעקסי־טרייבערס טאָכטער האָט ניט וואָס אָנצוטאָן.

— וואָס איינפאַכער אַלץ בעסער, מאַמע. ביי מיר שפּילן געלט און קליידער קיין ראָלע. דער עיקר איז דער מענטש. באַבי דענקט אויך אַזוי.

און דבורה גיט מלכהלען עסן און מיט יעדן קוק אויף איר טאָכטער צעקוועלט אַלץ מער איר האַרץ פון נחת. מלכהלע כאַפּט, כאַפּט אויף שנעל די ביסנס פון הונגער און פרייד. דערנאָך הייבט זי זיך אויף, נעמט די ביכער, לויפט־צו צו דער מאַמען, האַלדזט זי אַרום און קושט זי גוט אויס און לויפט ווי שטענדיק פון שטוב אַרויס אַ פריילעכע און פול מיט גליק.

דבורה גייט צו צום פענצטער און מיט תפילה בענטשט זי איר מלכהלעס גאַנג.

איבערבליקן

אין געראַנגל מיט זיך אַליין

(חיים גראַדעס בוך לידער „דער מאַמעס צוואה")

דאָס בוך לידער עפנט זיך מיט אַ בילד פון דיכטערס מוטער. איר הויכער שטערן און ווייטער בליק דריקט אויס פאַרטיפונג אין זיך און פעסטע אַנטשלאָסנקייט זיך צו פאַרמעסטן מיטן גורל. טוט זי טאַקע אָפּ וווּנדער איר זון, דעם דיכטער, חיים גראַדע.

דער בלעטער־פאַל איז געוואָרן מיין קלייד (ז' 11).

אויפן בוים פון זכרונות בלעטערט זיך, בלאָט נאָך בלאַט, דער מאַמעס געשיכטע:

ביז ווייטיק איך שטרענג מיין געדעכעניש אָן.
מיין אייגענעם קערפּער וואָלט איך אויסגעטאָן
און דיך צו באַלעבן מיט לייב אָנגעטאָן אים! (ז' 61).

און:

מיין מאַמע שלעפּט זיך ביי דער נאַכט אין רעגן.
דער ווינט שיט נאָדלען אין איר האַלדז און נאַקן.
לאַמטערנעס שאָקלען זיך איר בלינד אַנטקעגן.
די טראָפּנס ווערן אייז אויף אירע באַקן. (ז' 12).

די פאָרשטעלונג איז שטאַרקער פון דער ווירקלעכקייט. דער דיכטער זעט, ווי זיין מאַמע שלעפּט זיך אַהיים פון מאַרק אין אַ שפּעט־האַרבסטיקן רעגן, מיט אַ קאָש אין די הענט. די דעראינערונג האָט אָנגעלאָדן זיין ליד מיט צער און ציטער.

אַ מאַמע שטייט אין דרויסן אויפן רעגן...
דער טויער פּראַלט אויף פּלוצלונג און אַ וואָגן

אַ פֿליוכע אין דער פֿינצטערניש טוט האַסטיק.
דאַן נעמט די מאַמע פֿאַר דעם שטורעם קלאָגן: (דאָרט).

אַזאַ קלאָגן פֿון אַ מאַמע שטייגט צום הימל; און גאָט, דער בעל־רחמים, האָט אַוודאי מיטגעוויינט מיט דער מאַמען אויף איר צרהדיקער מערכה. מיטגעוויינט מיט אַ רעגן.

די מאַמע ביי דער וואַנט וואָס אין דרויסן האָט געהערט,
די וואַסער־רינע האָט פֿון דאַך אַראָפּגעטרערט,
אין רינע האָט געפּייניקט זיך אַ קליפּה,
וואָס האָט דער מאַמעס ווייטיק אויסגעכליפּעט. (ז׳ 20).

דער דיכטער האָט זיין האַרץ אַנגעגליט, זיין אויער אָנגעשפּיצט און אויג אָנגעצילט; און ער פֿילט, הערט און זעט, ווי דער הימל נעמט זיך שפּאַלטן. האָט דעם דיכטערס נשמה זיך מיטגעשפּאָלטן און זיך פֿאַנאַדערגעעפֿנט פֿון דער דעראינערונג. און די מאַמע שטייט פֿאַר אים אַ לויטערע, אַ געהייליקטע. און ער, גראַדע, כליפּעט אויס דער מאַמעס ווייטיק. אָן אַ זיידן־דינעם נשמה־נעץ קען מען נישט אויפֿכאַפּן אַזאַ איידעלן געפֿיל, און אַרויסהערן אים, ווי פֿון דיכטערס אייגענעם האַרצן בלוטיקט אַרויס דאָס קלאָגן פֿון זיין מאַמען.

באַהאַלט זיך ניט, אַקאַרשט, חיים גראַדע אונטערן שאָטן פֿון זיין מאַמען? און ער לאָזט זיך פֿאַר אים אַרויסיסורימען זיין טיפֿן ווייטיק? און ניט די מאַמע האָט געהערט ווי די וואַסער־רינע האָט געטרערט, דאָס פֿאַלן זיינע טרערן אין דער טיפֿעניש פֿון זיין לעבן. און אין זיין אייגענעם געוויין הערט ער דער מאַמעס קול.

נאָך בולטער און טראַגישער אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז דער דיכטער אין זיין ליד „דער מקובל״:

ווי אין יאַטקע־קלאָץ אַ שאַרפֿע האַק,
האָט איינגעהאַקט אין מיר די לבנה.
איך שיין רינט אַפּ געזאַלצן פֿון מיין באַק. (ז׳ 30).

די לבנה קוקט אַראָפּ גלייכגילטיק און טאַמעוואַטע, ווי מיט איר געהערט זיך גאָר נישט אָן דער יידישער שיקזאַל. אין אַזעלכע נעכט וויל דער דיכטער די אויגן זיך פאַרבלענדן און אויסשרייען פונקט דאָס פאַרקערטע פון דעם, וואָס גאָט האָט אויסגעשריען, ווען ער האָט באַשאַפן די וועלט.

פון גראַדעס ליד רייסט זיך אָן איינגעהאַלטענע קללה: זאָל זיין פינצטער! און אַ סוף צו אַזאַ וועלט!

האָט אויף מיין האַלדז דאָס לעבן ווי אַ שטריק
צוריקגעשלעפּט פון די טיפע לעכער...
בין איך אַוועק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ,
אַהין וווּ ס׳דערגרייכט ניט מער דער טאָג דער העלער (דאָרט).

און:

איך זע דיך, מאַמע, שטיקן זיך אין רויך פון עשאַלאָנען.
ביי טאָג גייסטו מיר נאָך פאַרהונגערט און פאַרוואָגלט,
ביי נאַכט הער איך ווי מיינע ליפּן דיך פון שלאָף דערמאָנען. (ז׳ 44).

די מאַמע, מיט אַלע אירע ליידן, שוועבט אין חיים גראַדעס זכרון אַ לעבעדיקע. לעבן און טויט זענען פאַרצווייגט. די דערמאָנונג לעשט אויס די זון פאַר זיינע אויגן. און זיין געמיט ווערט נאַכטיק שווער...

אין ליד איז חיים גראַדע אַ טאָפּל־געשטאַלטיקער, ער נעמט איבער דער מאַמעס ראָלע. ער פאַרוואַנדלט זיך אין זיין מאַמעס געשטאַלט, ווערט ער די מאַמע, און זי — אַ קינד. און ער פאַרשפּילט זיך מיט איר.

קום, מאַמע, ווי אַ קינד אויף מיינע הענט
איך וועל דיך איינשטילן... (ז׳ 11).
זי איז קליין, זי איז דאַר
און גרייכט קוים צו מיין אַקסל. (ז׳ 48).

ער זעט זי אַ געליטערטע, אַ דערהויבענע. ער האָט זי אויסגעטראָגן און אויסגעכאָוועט אין זיין האַרצן, טויט עס אים גוט. עס איז אַ סך לייכטער צו טראָגן אַ לעבעדיקע מאַמע אין זיך, ווי אַ טויטע.

מאַמעלע, טייבעלע גרויע,
מיט אויגן פול שרעק און הכנעה
דיך ווי אַן עופּעלע וויג איך. (דאָרט).

ער פרייט זיך ווי אַ קינד פון אַן אומדערוואַרטענער מתנה.

איך וויש אויס אירע טרערן.
און איר האַנט ווישט אַראָפּ
קאַלטן שווייס פון שטערן. (דאָרט).

אַ פריידיקער גליווער נעמט אַרום זיין גאַנץ וועזן. באַלד פאַרלאָזט ער די מאַמע־ראָלע און געשטאַלטיקט זיך איבער צוריק אין חיים גראַדען. ער האָט זיך מיט דער לעבעדיקער מאַמען ניט געוואָלט שיידן. ער שרעקט זיך עפענען די אויגן און אָנקוקן די גרויעווירקלעכקייט, אָבער ער איז געצוואונגען עס צו טאָן, ווייל ער הערט, ממש, אירע ווערטער.

מיין זון, זאָלסט אַלץ איבערטראָגן... (דאָרט).

די מאַמע איז שטענדיק באַזאָרגט וועגן איר זון. זי היט אים, זי גייט אים נאָך אויף יעדן טריט און שריט.

קלאָמער, מיין קינד, אין מיין שאָטן זיך מער,
פאַרגעס וויפל איך האָב געליטן ביים שטאַרבן.
און אויב מיט מיין אָנדענק איז לעבן דיר שווער,
פאַרגעס אויך מיין פּנים, די אויגן, די קאַרבן. (ז׳ 62).

מאַמע און זון ראַנגלען זיך אויף לעבן און טויט. דעם זון איז שווער צו לעבן מיטן שאָטן פון דער מאַמע, אין דער שטענדיקער קאָמוניקאַציע מיט דער מאַמען, וואָס איז אויף יענער וועלט. גיט ער איר עס גלייך צו וויסן, אַז אַזוי לעבן קען ער נישט. און ער מוז זיך פון איר אָפּבינדן. זי איז דאָך

אָבער אַ מאַמע, פאַרשטייט זי אים און פאַרגיט. און מערקווערדיק, זי האָט באַלד חרטה, און פאָדערט שטרענג פון איר זון, זי ניט צו פאַרגעסן.

נאָר וויינען וועל איך אין מיין קבר פאַרשעמט,
אין שטויב מיין געביין וועט קיין רו ניט געפינען,
אויב איך אין דיין האַרץ וועל איך ווערן דיר פרעמד,
און ס'וועט מיין צוואה אַרויס פון דיין זינען. (דאָרט).

דער דיאַלאָג גייט אָן צווישן מוטער און זון. זי לאָזט אים ניט אָפּ און צווינגט אים האַלטן זיין נדר: די מאַמע ניט צו פאַרגעסן. אָבער דאָ באַטראַכט ער שוין דעם ענין געדאַנקלעך, ער וויל, זי זאָל שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער מוז סוף־כל־סוף זי פאַרגעסן. זי גיט נאָך, אויב דאָס וועט גליקלעכער מאַכן איר זונס לעבן.

איך וואָלט אין דער פינצטער שוין רויק געלעגן,
ווען איך וואָלט געהערט דיין געוויין ווי אַ רעגן,
וואָלט איך כאָטש געוווסט אַז דו לייטערסט זיך אויס.
עס האָבן די טרערן אין דיר אויסגעטריקנט,
אַ קללה דיין האַרץ האָט פאַרשפאַרט ווי אַ שטיין,
און איך בלויז, דיין מאַמע, דערהער דיין געוויין. (ז' 65).

דער גורל פון דיכטערס מאַמע, און גזר פון זיין פאָלק, האָט זיין האַרץ פאַרשטיינערט און קיין טרערן זענען אים שוין ניט געבליבן. ניט קענען וויינען איז אַ סך שווערער ווי קענען וויינען. טראָגט דער דיכטער אין זיך דעם גרויסן חורבן פון זיין פאָלק און נאָענטסטע.

ערגעץ גליט ביי אים אין דער טיפעניש אַ געפיל פון שולד: פאַר וואָס איז ער געבליבן און אַנטלאָפן פון היטלערס רוצחים? און ער שטראָפט, באַשטראָפט זיך אַליין. אָבער די מאַמע איז שטענדיק זיין באַשיצערין.

דעריבער באַוויין איך אַזוי דיין ירידה.
זי איז פון אַרומיקן חורבן אַ צייכן.
און בלויז מיינע אַרעמס די אַפּגעשוואַכטע־מידע,
זיי האַלטן דיך אונטער אַ ברעג צו דערגרייכן. (ז׳ 67).

און דער דיכטער איז זיך נאָך אַלץ ניט מוחל, פאַר וואָס ער האָט געראַ־טעוועט זיין לעבן, ווען אַ דריטל פון יידישן פאָלק איז אומגעקומען. און ער וויל אַ משפט (געריכט) דורכפירן איבער זיך, קומט די מאַמע און ראַטעוועט אים פון אַלע געפאַרן און לאָזט צו אים ניט צו קיין פאַרצווייפלונג. און זי לייגט אַריין דעם זון אין מויל דערמוטיקונג־ווערטער.

איך שטאַרק זיך, מיין זון, אויפן טויט און מיט כוח
איך גראָב זיך־אַרויס דיר צו וויזן דעם וועג (ז׳ 70).

די מאַמע ווייסט בעסער, אַז איר זון איז געבליבן טריי צו זיין פאָלק און דער מאַמען און וויב.

אויב ס׳וואָלט די חרטה דיין האַרץ ניט צעריסן,
פאַרגראָבן אין אָפּגרונט וואָלט איך זיך פאַר שאַנד.
דיין צער אָבער לאָזט ניט מיין גרוב זיך פאַרשליסן,
און איך שטרעק דיר אויס ווי אַ בלינדן מיין האַנט. (ז׳ 71).

אין די ווייטערדיקע לידער איז דער געראַנגל מיט דער מאַמען נאָך פיל שטאַרקער. און עס גייט־אָן אַ כסדרדיקער סיכסוך צווישן האַרץ און קאָפּ. און ווען דער דיכטער נעמט זיך וואַקלען, דאַן קומט אים אַנטקעגן די מאַמע, כדי אים צו פאַרהיטן פון פאַלן אין אָפּגרונט פון יאוש.

פון אַלע פיר זייטן איך קום אין איין רגע,
אַז פאַלן זאָלסטו אויף די הענט פון דיין מאַמע (ז׳ 72).

און אַז די מאַמע דערפֿילט זיך צו שוואַך צו באַשיצן איר זון, נעמט זי מיט זיך מיט אַ גאַנצע וואָך.

מײַן זון, לאָז זיך פֿירן פֿון מיר אויף דעם שליאַך,
ווי מיר פֿאַרמשפּטע זענען געגאַנגען,
און מיר וועלן גיין אַרום דיר ווי אַ וואַך,
אַז דיר זאָל דער גורל דער זעלבער ניט פֿאַנגען...
פֿאַרמיש זיך מיט אונדז, מען זאָל דיך ניט דערקענען, (ז' 74).

אָט אַזוי האָט זײַן לעבן געשוועבט צווישן טויטע שאָטנס.

גראַדעס מאַמע, און אונדזערע אַלע מאַמעס, פֿון די אמהות אָן, זענען געקומען אים אַנטקעגן און מיט זייערע שאָטנס האָבן זיי אים פֿאַרהוילן פֿון שונאס אויגן און פֿאַרהיט פֿון טויט. איז ער טאַקע דאָ צווישן אונדז; מיר דאַרפֿן אים האָבן. זאָל ער לאַנג לעבן און שאַפֿן, און אַזוי העלפֿן אונדז אויספֿירן די צוואה פֿון אונדזערע אומגעקומענע מאַמעס.

דאָס מאָלערישע וואָרט

(א. טאַבאַטשניקס בוך לידער „דיכטער און דיכטונג")

„אַ זשעניע פון שווינדלענדיקע הויכן פון געדאַנק,
קום איך אַראָפּ פאַר אירע פיס צו קניִען,
עס שלאָגט דאָס האַרץ, די אויגן גליִען,
ווי אין אַ גוטן חלום, זע איך איר אויפגעהעלט געזיכט".

אַ פּאָעטישער אָנהויך. אַ ליריש־אויפפלאַקערישע באַגייסטערונג פאַר אַן אידעע, וואָס ברענגט גליק דער מענטשהייט. איז עס גוט דערמיט, וואָס דער דיכטער א. טאַבאַטשניק זינגט אַריין אין מאַרקסן, דעם מאַטעריאַליסט, אַ צושפּיל פון געזאַנג. עס מאַכט מאַרקסן עמאָציאָנעלער.

„זי איז דאָס ליכט, וואָס גייט מיר אויף אין נעפּל:
אין נעכט פאַרוואָלקנטע — אַ האָרן פון לבנה,
און ווען עס יאָגט פאַרצווייפלונג אָן די טעג —
איז זי די מונטערונג, די זון אויפן וועג". (דאָרט).

יאָ, אין די פיר שורות איז דאָ אַ סך גלויבן אין סאָציאַלן יושר. און דער פּאָעט אידענטיפיצירט זיך מיט דער גרויסער פּערזענלעכקייט, דעם פאָטער פון דעם „וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם".

איז נישט אומזיסט דער קרעדיט, וואָס מען גיט אַ דיכטער, וואָס קען אין קורצע שורות איבערגעבן די אידעישע קאָנסטרוקציע פון דענקער און אָנ־קליידן זי אין אַ פּאָעטישן לבוש.

טאַבאַטשניק טוט דאָס אייגענע מיט מאָריס ראָזענפעלד, אברהם רייזין, זישאָ לאַנדוי, יוסף ראָלניק און אַנדערע.

דאָס זענען פערל־לידער, אָבער אָנגעשנירלטע אויף געדאַנקען, כאָטש זיי פאָלגן יאָ אַ דיכטערישן אוצר, ווי זיי וואָלטן געוועז געמאָלן פון אַ מאָלער מיט אַ פענדזל דורך שטריכן און ליניעס, אין שוואַרץ און ווייס.

אָבער פאַר דעם צוועק אַליין פאָדערט זיך ניט קיין נשמה־עפענונג, קיין טיפע איבערלעבונג.

זענען אַזלעכע לידער מיר יאָ צום האַרצן און ניט צום האַרצן. דער פּאָעט אַנטפּלעקט זיך ניט אין זיין פולער געשטאַלט.

עס ווייזט אויס, אַז ווען דער דיכטער וויל געשטאַלטיקן אַ צווייטן קינסטלער, פּאַסירט גאַנץ אָפט, אַז ער אַליין ווערט דערביי געמינערט; ער פאַרלירט אַ סך שטריכן פון זיין אייגענעם דיכטערישן געזיכט.

גאָר אַנדערש דערלאַנגט זיך, ווען דער דיכטער באַווייזט זיך אַליין, דאַן זעט מען טאַבאַטשניקן אין פאַרשיידענע עכטע אַנטפּלעקונגען. און זיינע לידער זענען איבערגעלעבטע און דורכגעפילטע.

„טיפער ווינטער שטייט ביי מיין צוקאָפּנס,
וויסער שניי פאַרשיט מיך ווי אַ בוים,
אָט מיט וואָס עס לאָזט זיך אויס דאָס האָפן,
אָט אַזוי פאַרענדיקט זיך דער טרוים": (ז' 41).

אָט איז אַ ליד מיט אַ בין־השמשותדיקער אָנווייזונג, וועלכע וואַרפט אַריין דעם פּאָעט אין יאוש. און דעם דיכטערס דערפאַרונג ווערט פאַראַל־געמיינט, און די איבערלעבונג איז אַלעמענס.

אַזוינע לידער האָבן אַ שטאַרקן עפעקט גלייך אויפן אָרט, פאַרפיינערן דעם געהער, איידלען די געפילן אַפילו פון מענטשן מיט פאַרגרעבטע חושים.

„וויפל יאָרן זענען שוין פאַרפלויגן,
וויפל קברים אויפגעשטעלט דאָ הי?
נאָר דאָס דאָרף, וואָס האָט מיך אויפגעצויגן
שטראַלט אַצינד מיט ערשטן אינדערפרי". (דאָרט).

דער פּאָעט ראַטעוועט זיך מיט דער בענקשאַפט נאָך דעם אַמאָל, אַ בענקשאַפט, וואָס ווערט נישט פאַרוועלקט, נאָר פאַרקערט, עס גיט געגוג כוח דעם פּאָעט צו וואַרפן אַ יוגנטלעכן בליק אין דער פאַרגאַנגענהייט אַריין.

אין אַ קורץ ליד באַווייגט דער פּאָעט זיין אייגן לעבן; און ער שרייט ממש אויס:

„קומט אַרויס און זעט: דער זומער איז טויט,
און זעט מיין חרוב־געוואָרן לעבן:
די עפּל אויף די ביימער זענען גאָלדיק־רויט
און פאַלן ווי געלעכטער דערנעבן".

עכט ליריש. דער געמיט איז אַ געבראָכענער, די האָפענונג האָט אוועק־געפויזעט אויף אַלע פיר. ער דערטראָגט זיך צום פּאָעט פון זיין האַרצן אַרויס צו זיינע אויערן אַ רויט געלעכטער. די אַנטוישונג איז אַזוי שטאַרק, אַז דער פּאָעט הייבט זיך אָן שרעקן פאַר זיין אייגענעם לעבן.

„און איך בין אין טרויער און איך בין ווייט
פון גאָלד און פון צייטיקע עפּל:
עס בלאָנדזשעט אַ מאַן, דער קאָפּ אויף אַ זייט,
דורך קראַנקן, פאַרחלומטן נעפּל". (ז 43).

עס איז אַ מאָלעריש בילד. זיין שטימונג פאַרקנאַסט מיט דער אַרומיקער נאַטור אין גלויבן און גנאָד און פאַרצווייפלונג.

און ווייל ער איז אַ שטימונגס־דיכטער, איז ער אין זיינע לידער עפּעס ווי וואָלקנס, וואָס טראָגן זיך כמאַרעדיק איבערן הימל. אָבער פּלוצעם רייסט זיך אַדורך דורך זיי אַ זוניקער שטראַל און עס ווערט ליכטיק.

אַזוי אויך טאַבאַטשניק. אָט איז ער פול מיט רעזיגנאַציע און אָט לייטערט ער זיך און ווערט פול מיט האָפענונג.

...עס וועט זיין אַ מאָל אין דער פרי
וועל איך אויפשטיין און זען — דער הימל איז בלוי,

און די זון איז צעשויבערט אין גאָלדענעם גלי,
און דאָס גלאָז פֿון מײַן שויב איז פֿײַכט פֿון טוי... (ז׳ 71).

זעען מיר דאָ טאַבאַטשניקן מיט אַלע זײַנע נשמה־געמעלעכצן אין פֿאַר־שיידענע ניואַנסן. זײַן געמיט איז האַרבסטיק ווי די געלבלעכע בלעטער, וואָס ציטערן אָט אין פֿאַרנאַכטיקן פֿלאַטער פֿון זונפֿאַרגאַנג און אָט אין העלער שײַן פֿון נאָכמיטאָג, אָבער זיי וואַרפֿן די גאַנצע צײַט אַ נעצנגע־שטריקטן שאָטן און שפּילן זיך מיט ליכט.

„געזאַנגען" פון מלכה לי

א

איך האָב געלייטערט דיך, ליד,
איך האָב געהייליקט דיך, ליד,
אין צער און אין פרייד דיך געטראָגן. (ז׳ 3).

מיט אָט דעם ליד עפנט זיך מלכה ליס בוך „געזאַנגען".
דאָס זענען תפילהדיקע שורות. ווי אונדזערע מאַמעס פון לאַנגע דורות האָבן צום רבונו־של־עולם גערעדט.

הגם מלכה לי איז ניט קיין אַפּהיטערין פון פרומע געבאָטן, אָבער אַ טיף גלויביקע איז זי און עס גליט אין אירע לידער אַ באַהאַלטענער רעליגיעזער פונק. און אין תוך איז זי אַ פרומע נשמה. און אין מאָמענטן פון פּאָעטישער שיכרות זינגט זי עס פריי אַרויס. האַלט איך עס פאַר אַ גרויסער מעלה אין מלכה ליס לידער.

דו קומסט אויף דער וועלט,
שריי אויס מיין געשריי, וויין אויס מיין געוויין.
זאָלסט קיין פאַרזעעניש ניט ווערן,
ביסט געבוין פון מיין געביין,
ווער דערהערט אין מיין פיין,
אין פינצטערניש ליכט זאָלסט געבערן!

די דיכטערין טראָגט אויס איר ליד ווי אַ מאַמע אַ לעבעדיק נפש.
זי בעט, עס זאָל קיין פאַרזעעניש ניט געבוירן ווערן. מיר געפינען אין אַ סך

פון אירע לידער אָט־דעם מאָטיוו. אָבער צום שאָדן פון איר ליד קערט זי זיך אָפּ פון אָט־די שטימונגען און כאַפּט אויף סאָציאַלע מאָטיוון, פאַר וועלכע עס פאָדערט זיך ניט קיין האַרץ־עפּענונג, נאָר קאָפּ און שכל. און קאָפּ האָט אַ טבע צו זיין אַ באַשטעלער און מלכה לי איז אין תוך אַן עמאָציאָנעלע דיכטערין. טוט דאָס באַשטעלערישע ליד איר מער רעה ווי טובה.

אָט האָט איר אַ ליד פון גאָר אַן אַנדער זשאַנער, אָבער פרום געשריבן:

ס׳איז ניט גלאָק, וואָס קלינגט געוואַלט
אין פייער און געוויטער — —
ס׳איז איך — אַ מענטש, וואָס לויפט דורך וואַלד
אין פיבערדיקן ציטער... (ז׳ 5).

זי ווערט איינס מיט דער נאַטור; זי איז די אָפּשפּיגלונג פון איר. איר האַרץ איז טיף ווי דער וואַלד. און פון דער טיפער טיפעניש קומט אַרויס דער קלאַנג פון פייער־געוויטער. דאָס איז דער מענטש, די דיכטערין אַליין.

ס׳איז ניט דער וואַלד, וואָס פלאַקערט העל
און ווערט אין פלאַם פאַרשניטן —
ס׳איז האַרבסט, וואָס בייט זיין פעל
און טוט אים אויס פון בליטן... (ז׳ 5).

ביי מלכה לי איז דער וואַלד דער באַשעפער. די ביימער, דאָס גראָז לעבט און לאַקט. און דער ציטער, וואָס גייט דורך אין דער נאַטור, גייט אויך דורך אין דעם מענטשן.

ס׳איז ניט פויגל אין זיין פלי,
נאָר די ווייט פון פויגלס פלי־ען.
ס׳איז איך, וואָס ציט זיך צי, זיך צי —
מיט הענט צום פויגלס פלי־ען... (דאָרט).

ביי דער דיכטערין איז ניט דער עיקר דאָס פּליִען, נאָר די יאָגעניש פון דער נשמה צו דעם אומדערגרייכבאַרן.

ב

מלכה ליס צווייטער בוך לידער „דורך לויטערע קוואַלן"
„איקוף"־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1950

דאָס בוך עפנט זיך מיט אַ ליד "ייִדיש וואָרט".

„ייִדיש וואָרט: געזאַנג פון מיין לעבן,
דו האָסט מיך אין חושך געטרייסט,
דיין ליכט אויף פינצטערע וועגן
האָסט מיך פון צער אויסגעלייזט".

די דיכטערין זינגט אַ הימנע צום לשון ייִדיש, וואָס האָט זיך איינגע־מאַרכט אין איר געביין. די מאַמע וועלכע האָט אַוודאי אָפּגעהיט אַלע ייִדישע טראַדיציעס, האָט געשאַפן די געהעריקע סביבה פאַר איר טאָכטער, מלכה, די צוקונפטיקע דיכטערין. אויב ניט די מאַמע, ווי אַזוי וואָלט עס געבליבן אין איר געדעכעניש?

שפּראַך אַליין האָט אַ טבע זיך צו פאַרגעסן און ווערט אַ פאַרגאַנגענהייט. אָבער סביבה? דאָס לאָזט איבער שפּורן, וואָרצלען, וועלכע צעבליִען זיך שפּעטער און גיבן אַרויס פלאַנצן. און דאָס האָבן מיר אין מלכה ליס.

„איך בין מיט פעלד און וואַלד פאַרשפּינט —
איך בין אַ קאַרפּאַטן־קינד". (ז' 56).

לייענענדיק אירע לידער, וואָלט איך געזאָגט, אַז זי איז אַ קינד פון דער נאַטור. דער פערז איז לייכט און בילדלעך, די פאַנטאַזיע לעבעדיק, שפּילעוודיק, עלאַסטיש און קאַלירפול, ווי די נאַטור אַליין.

„איך קום ניט אַרויס פון קיין זינגער,
ס'האָט געזונגען מיין בלוט ביז שפּיץ־פינגער״. (ז' 57).

דאָס ליד באַשטעטיקט נאָך מער דאָס אויבן געזאָגטע. צו די בלעטער, צום גראָז רעדט זי אַרויס אירע שענסטע געפילן און חלומט אויס אירע דערהויבנסטע חלומות. און אפשר האָט זי זיך אויסגעהאָדעוועט ערגעץ אַרום וועלדער און פעלדער? אַניט ווי וואָלט זי אַזוי געקאָנט מאָלן די נאַטור?

„רויטע חופּות אויף די וועגן,
טאַנצן סאָסנעס זיי אַנטקעגן.
אַ רעגנבויגן הענגט אין מיטן,
ווי אַ חלף איינגעשניטן״. (ז' 137).

אַ וווּנדערלעך בילד אין רייכע פאַרבן. דאָס ליד בעט זיך, מען זאָל שרייבן מוזיק צו אים. קינדער וואָלטן פאַרכישופט געוואָרן פון דעם קלאַנג און ריטעם.

„האַיד־פּאַרק ביים קבר פון פּרעזידענט פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט״ (ז' 51); „דער טאָג פון שלום״ (ז' 67) — דאָס זענען לידער אויף געזעל־שאַפטלעכע טעמעס, פאַר וועלכע עס פאָדערט זיך ניט קיין פּאָעטישער אָנהויך און ניט קיין פליגל־אויפפלאַטער. איר ליד איז אַ סך פולער און לעבעדיקער, ווען איר האַרץ און אויג גיט איר אויף דאָס ליד. זי איז ניט די דיכטערין פון געמוחטער פּאָעזיע; זי איז די דיכטערין פון געפיל. טוט זי זיך אָן אַ שיעור היזק מיט דעם סאָציאַל־סקאַרבאָווען סוזשעט.

„געבליבן איז לעבן דער שליסל,
ער זוכט אַ מענטשלעך געוויסן״, (ז' 18).

דאָס איז אַ פּרווידיאַניש ליד. אַ שליסל איז געבליבן פון היטלערס גזר און פון די דייטשישע מערדער, אַ שליסל! בלאָנדזשעט ער אויף וועגן פאַרוויסטע און זוכט אַ מקום־מנוחה, און בלייבט ליגן ביי אַ פאַרברענטער

טיר. גאָטס באַשאַף וויל ניט פאַרלאָרן גיין. וויפל שטומע חפצים וואַלגערן זיך אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשישער ערד? ווען זיי קענען ריידן, וואָלטן זיי אונדז אויסדערציילט דעם גרויל פון יידישן פאָלק. די דיכטערין פאַרלע־בעדיקט זיי. אויך אַ שליסל טיילט דעם שיקזאַל פון נע־ונד־פאָלק. די דיכ־טערין האָט זיך איבערגעטראָגן אַהין און האָט דאָרט אַ בלעטער־געטאָן די יידישע געשיכטע.

„זי קומט צום ראַנד פון לבנה
מיט אויפגעהויבענע הענט.
פון וועלט די לעצטע אַלמנה,
צען פינגער ווי ליכט צעברענט.

זי ציילט, און קאָן ניט אָפציילן,
מיליאָנען גופים אין גרויל.
זי קאָן ניט די קדושים צעטיילן,
זי שטומט מיט פאַרשלאָסענעם מויל״.

מלכה לי האָט דורכגעהאַרצט דעם יידישן חורבן. און זי גיט־אויף אַ מיסיע דער לעצטער אַלמנה: זי זאָל ברענגען דאָס בילד פון אונדזער אומקום צום רבונו־של־עולם.

אין דער לעצטער אַלמנה האָט די דיכטערין מקיים געווען איר דיכטע־רישע שליחות. ווען דער רבונו־של־עולם וועט לייענען אָט־די שורות, וועט ער זיך אַ קער טאָן מיט זיין פּנים צו אונדז — און אַ געשריי טאָן „שפוך חמתך אל הגוים״...

„די פאַליטרע" פון ראַשעל וועפּרינסקי

מיינע דרעמלענדיקע פענצטער,
פאַרוויגטע אין טיפע רוישן
פון דעם ים,
האָט אויפגעוועקט
דער שטאָלענער פליגל
פון עראָפּלאַן,
וואָס שניידט אַדורך
די לופט איבער מיין דאַך — —
און אַ גאַנצע נאַכט
אין בענקעניש
זענען מיינע פענצטער
וואַך... (ז׳ 7)

מיט אָט דעם ליד עפנט ראַשעל איר בוך לידער. „די פאַליטרע": דער ים, דער שטאָלענער פליגל פון עראָפּלאַן שניידט־דורך די לופט איבער איר דאַך און וועקט זי אויף פון שלאָף.

איז גוט וואָס דער עראָפּלאַן האָט אָט די שווערע שטימונגען אירע איבערגעריסן און זי כוואַליעט זיך אַרויס פון איר שווערן חלום.

די באַרימטע שרייבערין זשאָרזש זאַנד איז אין איר צייט אַרויסגעטראָטן קעגן דער טעאָריע פון „קונסט צוליב קונסט" און זי האָט עס אָנגערופן פוסטער קלאַנג. ב. ריווקין ז״ל האָט עס אין זיין צייט אָנגערופן פאַפּירענע פאָעזיע, דיכטונג וואָס בלייבט אויפן פאַפּיר איבערגעלייענט און פאַרגעסן.

טאָלסטאָי האָט געזאָגט: אַ ליד, אויב עס קומט נישט פון דער טיפעניש פון האַרצן, איז עס ניט נאָר פרעמד פאַר לייענער, נאָר אויך פרעמד פאַרן פּאָעט אַליין. ראַשעל וועפּרינסקי באַשטעטיקט אָט־די טעאָריע. ס'טויכט און אָטעמט איבערלעבונג אין די שורות פון איר ליד.

מיט פייגל־צוויטשעריי ערב טאָגן
וועקט מיך די האָפענונג,
זי וויל מיר עפּעס זאָגן...
אַ קליינער פויגל אויף הויכער נאָטע רעדט:
זע, סע בליט אויפסניי דער קאַרשנבוים!
און די אַלטע ווערבע גרינט.
דאָס ווערמל קאָלערט זיך נאַקעט צום הימל —
און די שפּין — שפּינט.
און פון נידעריקן גראָז ס'פּאַרשווירענע
קלאָווער־בלימל הייבט דעם קאָפּ — —
לאָז זיך ניט אָפּ!
גיב אַ קוק ווי ס'ווימלט מיט בלי, פלי,
און מיט קריכיקן לעבן — —
גיי אויך אַרויס דעם טאָג אַנטקעגן! (ז' 8)

איז דאָס געדאַנק, עמאָציע און איידעלער געראַנגל, ווי אַ זומער־פויגל פלאַטערט זי אויף ביים פלי. טוט אַ קלאַפּ אין פענצטער און די בענקשאַפט בלייבט הענגען אויף אַ שויב אָן אַן אָפּקלאַנג.

איך וועל איבערלאָזן די וועלט
און גיין זוכן די ליבע —
כ'האָב זי איין מאָל געזען אין דיין וואָרט
זיך אַ טובל געטאָן
אין איר טרער —
אַ טובל, ניט מער...

ס׳זענען אַוועק שוין יאָרהונדערטער —
כ׳קאָן ניט ווערן פריי — —
כ׳קאָן ניט ווערן אַלט. —
איך וועל איבערלאָזן די וועלט
און גיין זוכן די ליבע — — (ז׳ 11)

די דיכטערין איז פול מיט בענקשאַפט, ווי אַ זאַנג מיט קערנער. זי וואַנדערט, ווי אין מדבר, זוכט דאָס פאַרלאָרענע און איר איבערלעבונג שטייגט און גייט־אויף. אַ געהילטע אין איר אומעט, טראָגט זי זיך אויף טרעפּ ווי צו אַ הייליקער עליה. ניט נאָר האָט געשטיגן איר ליד, — דער מענטש ווערט דערהויבן דורך איר ליד.

פיל פון אירע לידער אין בוך „די פּאַליטרע״ זענען געפּלעגט און געזעטיקט מיט אינהאַלט.

און כאָטש ראַשעל וועפּרינסקי איז ניט קיין אַפּהיטערין פון פרומע געבאָטן, גליט ערגעץ אַ פּחד פון גלויבן אין אַ ווינקעלע פון איר נשמה. און אָט דער פונק באַרויקט און דערהייבט זי און איר ליד: העלפט איר איבערוועלטיקן דעם געדאַנק פון רעזיגנאַציע. זי שיידט זיך ניט מיט דער בענקשאַפט פון אַמאָל. פאַרקערט — איינגעהילט, ווי אין אַ הילע, אין איר שטומער שעה פון אַמאָל, פאַלט זי צו גאָטס טרעפּ און בלייבט ליגן ווי אין אַ זוניקן חלום.

איך וועל אַרומנעמען מיינע אַקסלען
מיט מיינע דינע הענט,
צושנירלען די וויעס,
וועלן מיינע אַנגסטן, פרייע
ווי פייגל אין אַ סטייע
זיך אַוועקטראָגן פון מיר.
און איך וועל אויף אַ גילדענעם שטריק
זיך אַראָפּלאָזן
טיפער, טיפער,
אין די טיפענישן פון מיין שלאָף.

יאָ, אַלע אירע לידער פלעכטן זיך — רינגעלעך אין אַ קייט, און זיי זענען לידער, כאָטש זיי זענען אַלגעמיינע פאַרצייכענונגען פון יאָרן צע־פּיצלטע, ניט־פול־אויסגעלעבטע.

אַז מען לייענט זיך אַריין אין ראַשעלס לידער, ווערט מען אַריינגעפּ־פלאָכטן אין איר שטימונג און מען כוואַליעט זיך ממש און מען שניידט זיך דורך דורך איר ליד.

אָפרופן

מינאַ באָרדאָ־ריווקין

מינאַ באָרדאָ־ריווקין. „לידער". אין ליכטיקן אָנדענק פון ב. ריווקין.
טיפע, אינהאַלטסרייכע לידער, בילדלעכע געדאַנקלעכקייט, ווי ניט ווי לירישער געזאַנג; בדרך כלל לידער פון אַ מאָדערנער יידישער פרוי! איר „תפילה" קלינגט שטאָלץ:

ניט אַן אביון איז געקומען נאָך שוץ —
ס'איז געקומען אַן אורח, אַ גאַסט, אַ גביר;
איך טראָג אַ זאַק מיט אוצרות פון גוטס.
גאָט, עפן פאַר מיר דיין פאַרשלאָסענע טיר.

נאָך שענער, ווייל פריידיקער (געשריבן אין יאָר 1936!) איז דאָס ליד „אין דיינע אויגן דרימלען סודות".
אמת, דאָס ליד „מיין טאַטע", געשריבן אין זעלביקן יאָר, 1936 — פאַרמאָגט שוין עלעגישקייט.

„מיין טאַטע טראָגט צער אין זיינע אויגן,
דאָס געדענק איך זינט איך בין אַ קינד געווען"...

אָבער דאָס קליינע ליד פאַרענדיקט זיך מוטיק און גלויביק:

„איך וועל אויף מיין טאַטנס וועג ניט פאַלן,
מיין וועג איז פון זיינע אויגן געהיט"...

יידיש און טיף, ווי אירע לידער זיינען בכלל. מינאַ באָרדאָ דאַרף בלויז מער אַכטונג געבן אויף דער פאָרמע און זי וועט פאַרנעמען אַ פיינעם פלאַץ צווישן די יידישע דיכטערינס אין אַמעריקע.

אברהם רייזען
(„די פעדער", 1949)

✶

מינאַ באָרדאָ־ריווקין איז די פּרוי פון דעם קריטיקער ב. ריווקין עליו השלום. עס איז פאַראַן אַ געוויסע השפעה פון ריווקינען דעם קריטיקער אויף מינאַ באָרדאָ־דער פּאָעטקע. ב. ריווקין איז געווען אַ שרייבער אַ ניט־קלאָרער, אַ פאַרפּלאָנטער־טער אין אידייען און בילדער, און אין תוך — אַ מיסטיקער. די לעצטע יאָרן האָט ב. ריווקין זיך אָפּגעגעבן מיט דעם, וואָס וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט ווערן זיין הויפּט־באַרוף: מיט אָקולטיזם, מיט זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן דעם איבערנאַטיר־לעכן און סודותדיקן. גראַד דאָ, אויף דעם געביט, איז דער טיפגלויביקער ב. ריווקין געווען זייער קלאָר און אויסגעשפּראָכן. ער האָט אויף אַ זייער לאָגישן אופן געפּרוווט באַווייזן, אַז אונדזער וועלט איז אַ מיסטעריע.

עס איז פאַראַן אין מינאַ באָרדאָ־ריווקינס לידער דאָס זעלבע געפיל, די זעלבע אָנונגען. זי רעדט כסדר צו די פאַרבאָרגענע כוחות, זי זעט זעונגען.

אין סוף נאַכט האָט אַ האָן געטאָן אַ קריי,
איך האָב אויפן הימל דערזען אַ זעונג, אַ שרעק.
צווישן די וואָלקנס די פייער־רויטע צוויי —
האָט אַ פּנים פאַר מיר זיך אַנטפּלעקט.

*

פון דער פינצטערער נאַכט שיילט זיך אַ פּנים,
שטיל, פאַרגליווערט, קאַלט און האַרט,
שטעלט זיך ווי אַ שומר איבער מיין פענצטער
קוקט און וואַרט און וואַרט.
כ׳הייב זיך אויף פון געלעגער אָן אַ שאָרך,
און שאַר זיך טריטווייז צום פענצטער צו,
כ׳לייג מיין אויער צו און האָרך:
און ליפּן רופן מיך ערגעץ־וווּ.

*

מיין מאַמע האָט מיר אַ טאַרבע געבראַכט
און אויף אַ פּאַליצע אַוועקגעלייגט —
זאָל, מיין טאָכטער, אַ לאַבן ברויט ליגן,
מען זאָל ניט באַדאַרפן און באַהיט זיין פון נויט.
איך האָב די טאַרבע צעעפנט,
און געקוקט אויפן לאַבן ברויט —
האָט מיין מאַמעס פּנים אויף אים געשפּיגלט —
אַ פּנים, וואָס אַריבער דרייסיק יאָר טויט.

מינאַ באָרדאָ־ריווקינס לידער זיינען פול מיט סודותדיקע פּנימער, פול מיט אומהיימלעכע חלומות, מיט נאַכטישע ווייטיקן, מיט שאָטנדיקע זעענישן. עס זיינען

פאַראַן אין אירע לידער די איבערלעבונגען פון אַ מענטש, וואָס איז פאַרבונדן מיט עמעצן פון אַן אַנדערער וועלט.

יצחק וואַרשאַווסקי
(„פאָרווערטס", 19 נאָוו. 1950).

ליבע מינע ריווקין,

אַ דאַנק אייך פאַר אייערע לידער.

אייניקע פון זיי האָב איך געקענט פון פריער. איצט האָב איך אַלע ווידער איבערגעלייענט. זיך אָפּגעשטעלט ווו אויף שורות, אויף פערזן און אויף גאַנצע לידער ווי „מיינע פעק".

פאַר מיר איז געגוג ווען אַ מענטש פרעגט: „קען אַ תפילה ס'האַרץ ווי אַ קרבן שעכטן?" אין דער איינער פראַגע איז דאָ וויזיע און זי זאָגט עדות, אַז די תפילהדיקע שטימונגען ביי אייך זיינען דורכגעלעבטע און עכטע.

ווינטשן מיר אייך מזל־טוב מיט אייער ערשטלינג און געמיט ווייטער צו קענען שרייבן.

מיט פריינדלעכן גרוס

מ. באַריישאַ
15 מערץ, 1948

ליבע מינאַ באַרדאָ־ריווקין:

אַ דאַנק אייך פאַר אייער ביכל לידער. עס זיינען זיכער פאַראַן אין ביכל גוטע לידער. איר האָט אייערע אייגענע שטימונגען, כאָטש עס פילט זיך ביי אייך דער איינפלוס פון אַנדערע (לייוויק, הויפּטזעכלעך).

פאַראַן ביי אייך אייגענע גוטע שורות און נייע, גוטע ווערטער. אַזאַ שורה „ווי די געדאַנקען גייען ווי אויף טויבן־פיס אַוועק" איז פיין. די — און אַנדערע. אייער ליד „אַ חלום" איז גוט, אַזוי „מיין טאַטע" און „די האַלבע לבנה" און אַנדערע.

קורץ, אייער ביכל, אייערע לידער, זענען אייערע, ליבע מינאַ.

זייט געזונט, און אַ דאַנק — אייער,

ב. ביאַלאָסטאָצקי
בראָנקס, 22 מאַי 1948

מינאַ באַרדאָ־ריווקין, אירע לידער זיינען אייגנאַרטיק און אינטערעסאַנט מיט דעם, וואָס זיי גייען ניט מיטן געוויינטלעכן לייכטן וועג, נאָר פּרובירן זיך אַדורכ־רייסן דורך צוימען פון שפּראַך און געדאַנק, ווי אַ וואַסער דורך דאַמבעס און שטיינער.

ב. צ. גאָלדבערג
„טאָג", דאַנערשטיק, 1 טער יולי, 1954.

איינע פון די דאָזיקע שרייבער־ און שרייב־אלמנות, וואָס האָט איבערגענומען דעם שעפערישן אומרו פון איר מאַן — איז די חשובע דיכטערין מינאַ באַרדאַ־ריווקין.

ערשט נאָך ב. ריווקינס טויט איז ער פאַר אונדז אַנטפּלעקט געוואָרן אין אַלע זיינע שעפערישע געשטאַלטונגען און ס׳קומט דערפאַר אַ דאַנק דער אלמנה זיינער, וואָס איז, אגב, אַליין אויך אַ שעפערישע געשטאַלט.

אין איר נייעם בוך „לידער און איבערבליקן" געפינען מיר עטלעכע שטאַרק־דורכגעווייטיקטע אלמנה־לידער, וועלכע זיינען פול מיט רעספּעקט און קדושה.

אין איינעם אַזאַ אַלמנה־ליד דערציילט אונדז מינאַ באַרדאַ־ריווקין, אַז:

„ווי די תורה אין אַ מענטעלע, געוויקלט איז זי אין איר פּיין.
אונטער רעגן אַסיענדיקן שטייט זי אין איר ביטערן געוויין."

צוליב דעם טאָקע האָט די אלמנה־דיכטערין דאָס פולע רעכט אַנצוזאָגן דעם רבונו של עולם, אַז:

„ניט ווי אַן אָרעמאַן, אַן אביון בעטן שוץ,
איך בין געקומען ווי אַן אורח, אַ גביר,
איך טראָג אַ זאַק מיט אוצרות אָנגעפּאַקט מיט גוטס,
גאָט, עפן אויף פאַר מיר דיין צוגעמאַכטע טיר."

דניאל טשאַרני
דער טאָג, 27סטער דעצעמבער, 1958

ב"ה
ניו־יורק, ראש חודש מנחם אב, תשכ"א

לכבוד המשוררת מינאַ באַרדאַ ריווקין, שלום!

הנני מודה לך מאוד עבור ספרך „לידער און איבערבליקן". כבר קראתי השירים הראשונים והנני שומע מהם הד כאב הדורות וכאב וצער ימינו, כאילו באו מספר קינות, או ממחזור של ימים נוראים. והמשוררת היא צדקת!

נזכה לנחמות!

בברכת ציון
עמיהוד נחמני

ליבע פריינדין מינאַ באַרדאַ־ריווקין,

אַ האַרציקן, טאָפּלטן דאַנק אייך פאַר אייער מתנה, אייער בוך „לידער און איבערבליקן". מיין דאַנק איז אַ טאָפּלטער — פאַרן עצם געדענקען און שענקען מיר אייער בוך, און נישט ווייניקער פון דעם: אַזאַ וווּנדערבאַרן, האַרציקן אויס־דרוק פון מענטשלעכער נשמה ווי אייערע לידער זיינען עס. איך קאָן שוין אַ סך יאָרן נישט צוגיין צו אַ לידער־בוך אָן אומווילן, אומצוטרוי, גרייטקייט צו אַנטוי־שונג, אָבער אייערע לידער — כ׳האָב פאַרגעסן, אַז דאָס זיינען לידער, ס׳האָט מיך

פאַרכאַפּט דאָס טיפע, נשמהדיקע פון פאָרעם און אינהאַלט צוזאַמען. דאָס איז עכטער יידישער־מענטשלעכער אויסדרוק. נאָך אַ מאָל אַ דאַנק אייך; אַפילו פאַרן ליד „מיין גאָט", וואָס איז אַזוי ריכטיק, און אַזוי נישט געדעכט לויט מיין רעליגיעזער אויפפאַסונג, און אַזוי דערשיטערנדיק. זייט מיר געבענטשט, און אַלדאָס גוטס אייך.

אין פריינדשאַפט,

נתן חפשי

ליבע מרס. באַרדאַ־ריווקין,

איך האָב אויך געלייענט אייערע שירים, און איך מוז אייך זאָגן דעם אמת אין די אויגן, אַז איר זענט אַ דיכטערין. אין דעם ביסל לידער, וואָס איר האָט פאַרעפנטלעכט, איז דאָ עכט געפיל און פיינער אויסדרוק. עס געפעלט מיר אויך, וואָס איר זאָגט אַרויס ערלעכע מבינות אויף אייערע „קאָנקורענטקעס" — מלכה לי און בערטע קלינג. איין חסרון נאָר איז דאָ אין אייער ביכל: וואָס איר האָט עס אַרומגעשטעקט מיט הקדמות און הסכמות פון „גדולים", ווי אַ קימפעטאָרין מיט שיר־המעלות׳ן, ווי אַ סגולה פאַר אַן עין־הרע. אייערע לידער דאַרפן עס ניט.

מיטן בעסטן גרוס

י. ד. בערקאָוויטש

תל־אביב, 14.4.63

אינהאַלט

ביאָגראַפישע און כאַראַקטער־שטריכן וועגן ב. ריווקין

7 צו ב. ריווקינס זעכצנטן יאָרצייט

11 ווי און ווען האָט ריווקין געאַרבעט אויף די „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע״?

21 מיט געלט אין קעשענע...

25 ב. ריווקינס אָפּגעשפּאָרטע דריי הונדערט דאָלאַר

28 ב. ריווקין — דער מאַן פון בטחון

32 אַ וויכוח צווישן פינף שרייבער

38 שטריכן צו אַ פּאָרטרעט

42 ב. ריווקין ביי דער אַרבעט

45 ב. ריווקינס פּערזענלעכקייט

50 ווי אַזוי איך האָב צונויפגעשטעלט ב. ריווקינס ביכער

55 צו ב. ריווקינס 20סטן יאָרצייט

געקליבענע לידער

61 אַ תפילה

62 די וואָלקנס ריידן

63 אויפן הימל אַ געפעכט

64 לעצטע רו

65 צום פינפטן יאָרצייט פון ב. ריווקין

67 מיין וועג איך זוך

68 די אלמנה

70 אַליין ביים ערשטן סדר
72 אַ בוים אַ מאָדנער
73 דער אָנזאָגער פון סוף פון די 2000 יאָר
74 פון בלוי ווערט בלויער
75 מיין טרויער לייטערט זיך
76 אַ חלום
77 זיך שיידן
78 פאַר נאַכט
79 מיין שטומע שפּראַך
80 וואָס זוכסטו אין דער רויער ערד?
81 אין דיינע אויגן דרעמלען סודות
82 דער נדר
83 די אַראָפּנידערונג
84 מיט פאַרבונדענע אויגן
85 אַ קאָשמאַר
86 פאַסטעך יעקב
87 נשמה־געזאַנג
88 גאָטס טרעפ
89 ליכטיק
90 אַ ליכט אין חושך
91 גרויס־ניו־יאָרק איז עולה־רגל צום אַטלאַנטיק
93 מיין טאַטע
94 מיינע פּעק
96 אַ חלום
97 מאַמע — טאָכטער
98 אין טייטש־חומש
99 אַן אות אין מיין עלטער־באָבעס סידור...
100 מאַמעס זוכן קינדער
101 פאַרליר איך דיך, פאַרליר איך אַלץ
102 אַ חלום
103 אַ געבעט
104 פאַר וואָס אַזאַ שטראָף?
105 מיין גאָט
106 מוטער רחל
108 אַ געבעט

109 היים און לאַנד דער ווינט צעבלאָזן
110 ביים כנרת
112 אַ טאָג אַוועק
113 אין קיינעמס לאַנד
114 פינגער פויקן
115 איך קום
116 ביסט געקומען
117 די האַלבע לבנה
118 אין שעה פון באַגיינען
119 אין שווערן צער
120 פיר ווענט
121 צו דיר
122 היינט
123 געוואָלט פאַרגעסן
124 צו ה. לייוויק
125 יידיש
126 צו אַ פריינד
127 איך און מיין שאָטן
128 דיין נאָמען
129 אַ האַנט
130 טרויער

לידער און מעשהלעך פאַר קינדער

133 זומער־לעב
134 קינדער־בילד
135 שיין איז אַ קינד
136 ווינטער־פרייד
137 שפילן קינדער
138 אַ פרילינג־געזאַנג
139 אַן אורח אויף שבת
141 אַ בוים
142 אַ פייגעלע און אַ הונט
143 מייקל דער טרוימער
145 דער ליגן
147 מלכהלע די בת־יחידה

איבערבליקן

153 אין גוראַנגל מיט זיך אַליין

160 דאָס מאָלערישע וואָרט (א. טאַבאַטשניקס „דיכטער און דיכטונג")

164 „געזאַנגען" פון מלכה לי

169 די „פּאַליטרע" פון ראַשעל וועפּרינסקי

אָ פּ רו ף ן

175—179 וועגן מינאַ באָרדאָ־ריווקין און אירע שאַפונגען:
אברהם רייזען; יצחק וואַרשאַווסקי; מ. באָריישאָ; מ. ביאַלאָסטאָצקי;
ב. צ. גאָלדבערג; דניאל טשאַרני; עמיהוד נחמני; נתן חפשי;
י. ד. בערקאָוויטש.